STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01748

KOMUNISTN IN DEM FOLKS-FRONT

Earl Browder

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Eric Newman
in memory of
May Gepner

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אוירל בראַודער

קאָמוניסטן אין דעם פאָלקס־פראָנט

ISBN:0-657-01748-5
Old Call No.,97-32 v.

פרייז 10 סענט

אַרויסגעגעבן פון דער אידישער ביוראָ באַם
צענטראַל-קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער
פּאַרטיי פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

ניו יאָרק, אויגוסט 1937.

טיראַזש 3,000.

209

פאָרוואָרט

דער שנעלער אויפשוואונג אין דער טעטיקייט פון אַ ברייטער פּראָגרעסיווער און דעמאָקראַטישער באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אין וועלכער די סי. אַי. אָ. און אירע אָרגאַניזיר־קאַמפּאַניעס, פאַרנעמט דעם ערשטן פּלאַץ, האָט פאַרווירקלעכט, נאָך גיכער ווי מיר האָבן גערעכנט, יענע פּערספּעקטיוון וואָס זיינען אָנגעמערקט געוואָרן אַף דעם דעצעמבער־פּלענום פון אונזער צענטראַל־קאָמיטעט. דער דאָזיקער פאַקט ווערט פון גרויסן וועלט־באַטייט, אַף דער סצענע פון דעם וועלט־קאַמף צווישן די כחות פון פאַשיזם און מלחמה פון איין זייט, און פון דעמאָקראַטיע און שלום פון דער צווייטער זייט. דאָס איז דערפאַר, ווייל מיר באַקומען אַ גרונט צו גלויבן, אַז די פאַראייניקטע שטאַטן קאָנען ווערן איינע פון די פעסטונגען קעגן דער וועלט־רעאַקציע, אין דער זעלבער ליניע ווי די פאָלקס־פראָנט באַוועגונגען אין פראַנקרייך, שפּאַניע און כינע, און אין צוזאַמענאַרבעט מיט דער סאַמע גרעסטער פעסטונג פון פּראָגרעס, דעמאָקראַטיע און שלום, מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

רעאַקציע און פאַשיזם האָבן געליטן אַ ריי מפּלות, וואָס, אויב זיי וועלן נאָכגעפאָלגט ווערן אַף אַ וועלט־מאַסשטאַב, וועלן זיי באַשאַפן אומעטום די פאָר־באַדינגונגען פאַר זייער דורכפאַל. די צעשמעטערונג פון די טראָצקיסטישע שטעכער און ברעכער און זייערע שפּיאָנאַזש־אַגענטורן אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, די אָפּהאַלטונג פון דער פאַשיסטישער אָפענסיווע בײַ די טויערן פון מאַדריד, די איינפירונג פון דער נייער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע—אַ הויך־צייכן פון דעמאָקראַטיע אין דער וועלט־געשיכטע, — די צעשמעטערונג פון מוסאָליני׳ס באַנדיטן בײַ בריהועגאַ אין מערץ, דער אויפשוואונג

אין דער ריכטונג פון אַ נאַציאָנאַלן אַנטי־יאַפּאַנעזישן פראָנט אין כינע, די צעשטערונג פון דעם פאַררעטערישן נעסט אין דער רויטער אַרמיי אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, דער נייער קאַבינעט וואָס קאָנסאָלידירט די פּאָלקס־פראָנט רעגירונג אין שפּאַניע און איר שנעלע אונטערדריקונג פון דעם קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן טראָצקיסטישן אויפשטאַנד — יעדע איינציקע פון די דאָזיקע וויכטיקע אַנטוויקלונגען איז געווען אַ זעץ אינעם פּנים פון די פאַשיסטישע קאָנספּיראַטאָרס איבער דער וועלט. נישט דער קלענסטער וויכטיקער פראָנט אין דעם דאָזיקן וועלט־קאַמף איז די פאַראייניקטע שטאַטן, וואו עס ליגט אין דעם ערשטן פּלאַץ די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַף אונזער נאָך־אַלץ, אין צאָל, קליינער פּאַרטיי, צו פאַרזיכערן די צוריקשליידערונג פון די כחות פון רעאַקציע, פאַשיזם און מלחמה. די דאָזיקע כחות אין די פאַראייניקטע שטאַטן קלייבן זיך צוזאַמען און גרייטן צו אַ קאָנטער־אָפּענסיווע קעגן דער שטייגנדיקער באַוועגונג פון די דעמאָקראַטישע עלעמענטן דאָ אין לאַנד.

דער פּלענום פון צענטראַל־קאָמיטעט, פאַרזאַמלענדיק זיך אינעם סאַמע מיטן פון וויכטיקע וועלט־היסטאָרישע געשעענישן, סיי אַף יענער זייט ים און סיי דאָ, האָט פאַר זיך די ספּעציעלע אויפגאַבע צו קאָנצענטרירן די אויפמערקזאַמקייט פון אונזער פּאַרטיי אַף איינציקע הויפּט־פראַגן, וואָס וועט שטעלן די פּאַרטיי אין אַ פּאָזיציע, דורך אונזער ריכטיקער און ענערגישער אָריענטאַציע, אַף צו באַגעגענען אירע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן אַפן סאַמעווירקזאַמען אופן אין אַלע געביטן. מיר האָבן אויסגעקליבן פיר אַזעלכע קאָנצענטריר־פּונקטן: (1) די באַלדיקע אויפגאַבן אין אויפבויען דעם פּאָלקס־פראָנט אין די פאַראייניקטע שטאַטן; (2) דער קאַמף פאַר פּראָגרעסיוון אינדוסטריעלן יוניאָניזם, און פאַר דער אייניקייט פון דער אַרבעטערשאַפט; (3) אָרגאַניזירן די מאַסן־באַוועגונג פאַר אַ ווירקזאַמער שלום־פּאָליטיק;

(4) אויפבויען די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און דעם „דעילי וואָרקער”.

כדי צו קאָנצענטרירן זיך אַף די דאָזיקע הויפּט־פראַגן, וועט זיין נויטיק, אַז דער איצטיקער באַריכט זאָל דורכלאָזן די באַהאַנדלונג פון פיל פון די סאַמע וויכטיקסטע וועלט־פראַגן, וואָס זיינען שוין אַף אַ פולן און ריכטיקן אופן באַהאַנדלט געוואָרן דורך אונזערע ברידער־פּאַרטייען אין אַנדערע לענדער, און דורך די רעדעס און אַרטיקלען פון אונזער אינטערנאַציאָנאַלער פירערשאַפט, צום אַלעם ערשטן, פון חבר דימיטראָוו, וואָס זיינען שוין איבערגעגעבן געוואָרן רעגולער דורך דעם „דעילי וואָרקער”. מיר האָבן אַזאַ פולשטענדיקע באַשטעטיקונג פונעם לעבן אַליין וועגן דער ריכטיקייט פון דער דאָזיקער ליניע, און אַזאַ איינשטימיקן צוטרוי און ענטוזיאַזם אין די רייען פון אונזער פּאַרטיי פאַר איר אינטערנאַציאָנאַלער פירערשאַפט, אַז אַף דעם איצטיקן פּלענום וועט זיך בלויז אַף אַזויפיל פאָדערן אַ דיסקוסיע, אַף וויפיל מיר וועלן דאַרפן קלאָר מאַכן די אָנווענדונג פון דער אַלגעמיינער ליניע צו דער זיך ענדערנדיקער סיטואַציע און צו די אויפגאַבן, וואָס קומען דירעקט אין אונזערע הענט.

איניקע ווערטער וועגן דער עקאָנאָמישער טענדענץ און אויסזיכט וועלן, מעגלעך, אונז נוצלעך זיין אַלס אַן אַריינפיר צו דער דירעקטער אונטערזוכונג פון אונזערע פּראָבלעמען פון קאָנצענטריר־פונקטן. די אָנגענומענע רעזאָלוציע, וואָס מען האָט אייך דאָ צוגעשטעלט, פאַרצייכנט, אַז „די עקאָנאָמישע דערהאָלונג, וואָס דערגרייכט שוין דעם גראַד פון פאַרן קריזיס, כאָטש עס ווייזן זיך שוין אַלץ מער און מער סימנים פון זיך אָנזאַמלענדיקע פאַקטאָרן, וואָס קאָנען ברענגען צו אַ צווייטן קראַך, גייט אָן, אינגאַנצן און אין גרויסן, אַרויפצו און דינט אונז אַף ווייטער צו סטימולירן די אָרגאַניזירונג און דעם קאַמף פון די אַרבעטער.” אין אָט דער קורצער פאָרמולירונג ליגן אַלע הויפּט־פאַקטאָרן, וואָס באַ־

איינפלוסן אונזערע פּאָליטישע פּראָבלעמען. מיר זיינען נישט אין אַ לאַגע אָפּצושאַצן ווי לאַנג אָט די דאָזיקע עקאָנאָמישע טענדענץ ארויפצו וועט אָנהאַלטן, צי די נעקסטע ענדערונג וועט קומען דורך אַן עקאָנאָמישן קריזיס אָדער דורך אַן אַלגעמיינער וועלט־מלחמה; עס וואָלט אויך נישט געדינט קיין שום נוצלעכן צוועק ווען מיר וואָלטן ספּעקולירט אַף די דאָזיקע פראַגן. עס איז אַ פּאַקט, וואָס איז אָנגענומען אַפילו פון דער וואַשינגטאָנער אַדמיניסטראַציע, אַז די פּאַרגרעסער־טע פּראָדוקציע, אויב אַפילו זי וועט דערגרייכן העכער ווי די גראַדן אין 1929, וואָלט נאָך אַלץ איבערלאָזן אַ גרויסע מאַסן־ארבעטסלאָזיקייט אַלס אַ שטענדיקע פּראָבלעם. אַפילו אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, וואו די אַלץ שטייגנדיקע הוצאות פּאַר מלחמה־פּאָרבאַרייטונגען זיינען פּראָפּאָרציאָנעל די קלענסטע צווישן די גרויס קאַפּיטאַליסטישע מלוכות, ווערן זיי אויך אַלץ מער און מער אַן עקאָנאָמישער פּאַקטאָר. דער שטייג אין די פּרייזן און דער יקרות, וואָס זיינען אַ שטענ־דיקער שטריך פון עקאָנאָמישער דערהאָלונג, ווערן באַטאָנט דורך דעם פּאַרגרעסערטן איינפלוס פון די מאָנאָפּאָליעס און דורך דער וועלט־טענדענץ צו אינפלאַציע. זיי שטרייכן נאָך מער אונטער די נויטווענדיקייט פּאַר אָרגאַניזירונג און קאַמף צווישן די מאַסן, וועמעס לעבנס־באַדינגונגען ווערן דורך דעם אונטערגעגראָבן. די עקאָנאָמישע פּאַקטאָרן פּאַרשטאַרקן כסדר די פּאָליטישע ראַדיקאַליזאַציע פון דעם פּאָלק.

1. פאַקטאָרן און פּראָבלעמען אין דער אַנטוויקלונג פונעם פאָלקס-פראָנט

די באַוועגונג פאַר אַ פאַרמער-לייבאָר פּאַרטיי אין די פאַראייניקטע שטאַטן שטעלט מיט זיך פאָר די זעלבע סאָציאַלע און פּאָליטישע שטרעמונגען, וואָס האָבן זיך קריסטאַליזירט אין פראַנקרייך און אין שפּאַניע דורך דעם פאָלקס-פראָנט.

פאַר פיל איז אַ רעטעניש דער אויגנשיינלעכער ווידערשפּרוך צווישן דעם באַשיינפּערלעכן וואוקס פון דעם סענטימענט פאַר אַ פאָלקס-פראָנט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און צווישן דעם פאַרלאַנגזאַמטן גאַנג פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פאַרווירקלעכונג פון אַ נאַציאָנאַלער לייבאָר-פּאַרטיי. איייניקע הויבן אַפילו אָן אויסצושפּינען נייע טעאָריעס, אין דערקלערן דעם דאָזיקן ווידערשפּרוך, דענקענדיק, אַז מען האָט פריער צופיל איבערגעשאַצט דעם טעמפּ פון אַנטוויקלונג, אָדער אַז דער גאַנצער באַגריף פון אַ פאַרמער-לייבאָר פּאַרטיי איז קינסטלעך ארויפגעצוואונגען געוואָרן אַף אַ באַוועגונג, וואָס וועט אין ווירקלעכן לעבן אָננעמען אַן אַנדער ריכטונג. מיין מיינונג איז, אַז מיר מוזן צוריקוואַרפן אַזאַ מין אויבערפלעכלעכן טעאָרעטיזירן, אַז מיר מוזן נאָכאַמאָל באַשטעטיקן די פּערספּעקטיווע פון אַ פאַרמער-לייבאָר פּאַרטיי אַף אַ נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, וואָס האָט פאַר די לעצטע 2 יאָר באַהערשט דעם געדאַנק פון דעם ברייטן לינקן לאַגער אין דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק.

עס איז פונדעסטוועגן נויטיק צו שענקען אונזער ערנסטע אויפמערקזאַמקייט דער פּראָבלעם פון אָט דעם לאַנגזאַמען וואוקס אין דער אָרגאַניזירונג פון דער פאַרמער-לייבאָר פּאַרטיי. מען קאָן עס ניט אינגאַנצן אַוועקמאַכן מיט דער

האַנט. מיר דאַרפֿן עס אַנאַליזירן און דערקלערן, און עס דאַרפֿן געצויגן ווערן ווייט־גרייכנדיקע שלוסן, וואָס רירן אָן די באַלדיקע טאַקטישע פּראָבלעמען פֿון דער באַוועגונג.

פֿאַר פֿיל וועט עס אפשר זיין אַן איבערראַשונג, ווען זיי וועלן הערן ווי מען זאָגט, אַז ניט בלויז האָבן מיר נישט איבערגעשאַצט דעם אַנטוויקלונגס־טעמפּ פֿון דער פֿאַרמער־לייבאָר באַוועגונג, נאָר אַז מיר האָבן זי נאָך היפּשלעך אונטערגעשאַצט. דער אויפשטייג פֿון דער נייער פּאָליטישער שטרעמונג איז פּאַקטיש געווען אַזוי גרויס, אַז פֿיל אויגן האָבן פֿאַרפעלט צו זען די גרויסע כוואַליע און זיינען אָנשטאָט דעם צוגעשמידט געוואָרן צו די קליינע בלעזלעך אין דעם שטראָם. דאָס איז גראָד צוליב דער אויסערגעוויינלעכער ברייטקייט און שנעלקייט אין דעם אויפשטייג פֿון דער פֿאַרמער־לייבאָר באַוועגונג, וואָס דער אָפּהאַלט אַף אַ ווײַלע זעט אויס ווי אַ פּויזע אין דער אָרגאַניזירונג פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿאַרמער־לייבאָר פּאַרטיי.

לאָמיר נעמען אַלס הויפּט־משל די דערשיינונג פֿונעם פּראָגרעסיוון אינדוסטריעלן יוניאָניזם אַלס אַ הערשנדיקע קראַפט צווישן די אַרבעטער. געוויס האָט דער אויפשוואונג פֿון דער סי. אַי. אָ. ווייט איבערגעשטיגן די דערוואַרטונגען פֿון דער גרעסטער צאָל מענטשן. און די דאָזיקע באַוועגונג איז דער עצם פֿונדאַמענט און אָנטרייבנדיקער כוח פֿון וועלכער עס איז דערפֿאָרגלרייכער פֿאַרמער־לייבאָר פּאַרטיי. איר ראָלע איז אַנטשיידנדיק, און ווערט אַלץ מער און מער פֿון טאָג צו טאָג. אויב די נאַציאָנאַלע פֿאַרמער־לייבאָר פּאַרטיי איז נאָך אַלץ נישט אין פּראָצעס פֿון אָרגאַניזירונג, איז עס פֿריער פֿון אַלץ דערפֿאַר, ווייל די סי. אַי. אָ. איז נאָך נישט גרייט פֿאַר אַזאַ טריט, נישט קוקנדיק אַף דעם וואָס זי באַוועגט זיך באַשיינפּערלעך אין דער ריכטונג.

קאָן מען דען זאָגן, אַז די איצטיקע ניט־גרייטקייט פֿון דער סי. אַי. אָ. צו שטעלן זיך אין דער אָנפֿירונג פֿון אַ

פארמער־לייבאָר פּארטיי איז אַ צייכן פון פּאָליטישער צוריק־
געשטאַנענקייט? איך האַלט, אז דאָס וואָלט געווען אַ פאַל־
שער ענטפער, אזא וואָס וואָלט צעקריפּלט אַף אַ זייער געפער־
לעכן אופן די גאַנצע פּראָבלעם און וואָלט באַשאַפן אַ פאַלשע
שייכות צווישן דעם פּאָליטישן אוואַנגאַרד פון איין זייט
און דער פירערשאַפט פון די גרויסע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס אַף
דער צווייטער זייט. די פירער פון דער סי. אַי. אָ. האָבן
באַוויזן אַ גרויסע וואַכזאַמקייט צו די הויפּט פּאָליטישע
פּראָבלעמען פון דעם מאָמענט, און אַ שטייגנדיקע גרייטקייט
צו האַנדלען איבער די דאָזיקע פּראָבלעמען, און אין דעם
שפּיגלען זיי טריי אָפּ דעם שטייגנדיקן פּאָליטישן באַוואוסט־
זיין פון די מאַסן וועלכע זיי פירן. די סי. אַי. אָ. איז געוואָרן
אַ גרויסע קראַפט ניט בלויז אין דעם עקאָנאָמישן לעבן,
נאָר גלייכצייטיק אויך אינעם פּאָליטישן לעבן. זי דריקט
אויס אַף אַלע געביטן אַ פּראָצעס, וואָס מעג באַצייכנט ווערן
אַלס דער געבורט פון דעם אַמעריקאַנער אַרבעטער־קלאַס אַלס
אַ זעלבסטשטענדיקע און באַוואוסטזיניקע קראַפט. עס איז
אמת, אַז איר פּאָליטישע ראָלע איז נאָך ווייט פון צו זיין
פולשטענדיק אַנטוויקלט; דער פּראָצעס קומט איצט פאָר.
אָבער אָנצורופן די דאָזיקע ניט־פולשטענדיקע רייפקייט אַלס
„פּאָליטישע צוריקגעשטאַנענקייט" וואָלט פירן צו נאַרישע און
געפערלעכע טעות'ן. דער עצם פאַקט איז די גוואַלדיקע „פאַר־
געשריטנקייט" פון דער מאַסן־באַוועגונג און פון אירע פירער,
וואָס האָט ניט קיין גלייכן אין אונזער פריערדיקער געשיכטע.

טאָ וואו זאָלן מיר גיין געפינען די אורזאַך פאַרוואָס
די סי. אַי. אָ. איז נישט אַנטשלאָסן אַרויסצוטרעטן מוטיק
אין דער ריכטונג פון אַ נאַציאָנאַלער פאַרמער־לייבאָר פּאַרטיי?
דעם שליסל צו דעם קאָנען מיר געפינען, ערשטנס, אין גע־
וויסע באַלדיקע פּראַקטישע חשבונות, וואָס ווען מיר באַ־
טראַכטן זיי, פירן זיי אונז, פון דער צווייטער זייט, צו אַ
נייער טאַקטישער פּראָבלעם, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן דורך

דעם נאָך־ניט געהערטן אומפאַנג און קראַפט פון דער מאַסן־באַוועגונג, וואָס פאָדערט פון אונז צו לערנען פון די מאַסן איידער מיר גייען זיי לערנען.

ערשטנס, די באַלדיקע פּראַקטישע חשבונות. די סי. אַי. אָ. איז שוין אַפן פּאָליטישן פעלד, מיט דערגרייכונגען וואָס זי וויל נישט שטעלן אין געפאַר דורך האַסטיקע און ניט־געניגנדיק באַטראַכטע צוגן. מיר קאָנען עס אילוסטרירן דורך דעם, וואָס מיר וועלן פאַרגלייכן די דערפאַרונג פון די שטאָל־אַרבעטער אין פּענסילווייניע, וואו די סי. אַי. אָ. איז שוין זייער ווייט אַוועק אין פּאָליטיק, צו דער דערפאַרונג אין אילינאָי, וואו זי איז נאָך ניט. אין ביידע שטאַטן האָבן מיר דעמאָקראַטישע אַדמיניסטראַציעס, ביידע האָבן זיי אונטערשטיצט רוזוועלט׳ן אין די וואַלן פון 1936. אין פּענסילווייניע, וואו די שטאָל־אַרבעטער האָבן פאַרסטרייקט אַרויסצורייסן יוניאָן־אָנערקענונג פון די זעלבסטשטענדיקע שטאָל־קאָמפּאַניעס (דזשאָונס ענד לאַפלין), האָט די שטאַט־אַדמיניסטראַציע אונטערשטיצט די אַרבעטער, און דער גאָווערנאָר אַליין איז פּערזענלעך געגאַנגען אַפן פּיקעט־ליין כדי פאָטאָגראַפירט צו ווערן פאַר די צייטונגען ווי אַזוי ער באַגריסט זיך דורך האַנט־דרוקן מיט די פּיקעטס; דער סטרייק איז געוואונען געוואָרן אין עטלעכע טעג. אָבער אין אילינאָי האָבן סיי די שטאַט־אַדמיניסטראַציע און סיי די שיקאַגער שטאָטישע אַדמיניסטראַציע געאַרבעט אַלס הילף־אַגענטורן פון די שטאָל־קאָרפּאָראַציעס; די דאָזיקע הילף האָט זיך אויסגעדריקט מיט דער שחיטה אַף פּיקעטס, אין מעמאָריאַל דעי, בא דער רעפּאָבליק שטאָל־פאַבריק, וואָס איז געווען די סאַמע חוצפּה׳דיקע אַטאַקע קעגן דער אַרבעטערשאַפט וואָס איז שוין יאָרן־לאַנג ניט געמאַכט געוואָרן אין אַמעריקע. צווישן די דאָזיקע צוויי ביישפּילן ליגט אַ געוואַלדיק טיפער אָפּגרונט. ביידע האָבן פּאַסירט אונטער דער פאָן פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

די שטאָל־אַרבעטער ווילן זיך ניט צוהערן צו אַזוינעם, וואָס קומט זיי געבן אַ לעקציע, וואו עס ווערט באַוויזן, אַז דער שטאַט, אַלס דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דעם קאַפּי־טאַליסטישן קלאַס, מוז שטענדיק זיין אַ סטרייק־ברעכער, ביז ער, דער שטאַט, וועט אינגאַנצן איבערגענומען ווערן פונעם אַרבעטער־קלאַס; אַז דעריבער איז דער אויגנשיינלעכער אונטערשייד צווישן פּענסילווייניע און אילינאָי בלויז אַן אילוזיע; אַז די אַרבעטער דאַרפן אויפגעבן זייער שטיצע צו דער ליבעראַלער פּענסילווייניער אַדמיניסטראַציע, וואָס זיי אַליין האָבן זי געבראַכט צו דער מאַכט, און אַרויס־קומען מיט זייער אייגענער פּאַרמער־לייבאָר פּאַרטיי. שטאָל־אַרבעטער וועלן אַף דעם ענטפערן, אַז בעת זיי פאַרשטייען זייער ווייניק טעאָריע, האָבן זיי אָבער אַף זייער אייגענער הויט געלערנט דעם אונטערשייד צווישן אַ ליבעראַלער רע־גירונג מיט אַרבעטער־סימפּאַטיעס און מיט דער באַטייליקונג פון דער אַרבעטערשאַפט, און צווישן אַן אָפענער רעאַקציאָ־נערער אַדמיניסטראַציע. זיי וועלן פאַרוואַרפן אַלע טעאָרעטישע איינווענדונגען צוליב די פּראַקטישע פאַרצוגן פון געווינען נאָך עטלעכע סטרייקס און צו קאָנסאָלידירן זייערע יוניאָנס. מיר וועלן זיין אינגאַנצן אומרעאַליסטיש, אויב מיר וועלן דערוואַרטן אַ פּאַרמער־לייבאָר פּאַרטיי פון וועלכן עס איז ערנסטן פאַרנעם אין פּענסילווייניע ביז די סי. אַי. אָ. וועט איבערצייגט ווערן, אַז אַזאַ פּאַרטיי וועט באַלד אויסאיבן אַזאַ פּאָליטישן איינפלוס ווי די סי. אַי. אָ. איבט שוין אויס דורך דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. און נאָך מער, דער ערשטער שלום צו וועלכן עס וועלן קומען די מערסטע טייל שטאָל־אַרבעטער און מיינערס אין אילינאָי, פון דער דערפאַרונג וואָס זיי האָבן געהאַט פון דער הריגה באַ דער רעפּאָבליק שטאָל־פאַבריק, וועט זיין נישט צו לויפן מאַסנווייז אין דער קליינער לייבאָר־פּאַרטיי פון אילינאָי, נאָר צו פאָדערן אַ ליבע־ראַלע איבערקערעניש אין די רייען פון דער דעמאָקראַטישער

פּאַרטיי גופא לויט דער זעלבער ליניע ווי אין פּענסילווייניע.

אין דעם דאָזיקן ביישפּיל האָבן מיר די באַלדיקע פּראַק־טישע חשבונות, וואָס האָבן באַשטימט, אַז די סי. אַי. אָ. זאָל אַרבעטן אין דער באַלדיקער צוקונפט אַפן פּאָליטישן געביט לויט די ליניעס פון דער לייבאָר'ס נאָן־פּאַרטיזאַן ליג און ניט לויט די ליניעס פון אַ נייער פאַרמער־לייבאָר פּאַרטיי.

יעדער אָנהענגער פון דער פאַרמער־לייבאָר פּאַרטיי, צי ער וויל עס צי ניט, איז געצוואונגען אָנערקענען דעם דאָזיקן איינגעשפּאַרטן פאַקט. די מאַסן וועלן אַוועקגיין פון דער דאָזיקער פּאָזיציע, נישט אַפן רוף פון אַ קליינעם פּאָליטישן אַוואַנגאַרד, נאָר בלויז דורך זייער אייגענער דערפאַרונג, וואָס שאַפט אַ באָדן פאַר דער לערע פון דעם אַוואַנגאַרד.

אַף איין מאָמענט לאָמיר איצט אונטערזוכן אַ סיטואַציע, וואו די סי. אַי. אָ. איז נאָך ביז איצט נישט געווען אַזוי אַנטשיידנדיק, וואו די באַוועגונג הויבט זיך אָבער כסדר, וואו זי איז מער פאַרשיינדנאַרטיק, נעמלעך, אינעם שטאַט וואַשינגטאָן. אינעם לעצטן יאָר איז דאָרט אַנטשטאַנען אַ ברייטע פּראָגרעסיוו־ליבעראַלע אַרבעטער־באַוועגונג אונטער דעם נאָמען „קאָמאָנוועלט פעדערייטשאָן". פיל פון אונז האָבן געדענקט, אַז דער דאָזיקער באַוועגונג וועט באַלד זיין באַ־שערט אַרויסצוקומען אַלס אַ פאַרמער־לייבאָר פּאַרטיי אינעם שטאַט. פונדעסטוועגן האָט זי, אָבער, באַשלאָסן צו אַרבעטן דורך דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, און זי האָט גאָר גיך דערגרייכט אַזעלכע רעזולטאַטן, אַז בלויז צוליב די מאָדנע וואַל־געזעצן אין וואַשינגטאָן, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט, אַז רעאַקציאָנערע רעפּובליקאַנער זאָלן שטימען אין די פּריי־מעריס פאַר רעאַקציאָנערע דעמאָקראַטן, איז ניט געלונגען דער „קאָמאָנוועלט פעדערייטשאָן" צו באַקומען אַ געוויסן קאָנ־טראָל אַף דער שטאַט־אַדמיניסטראַציע. אַלס אַ רעזולטאַט פון דער דאָזיקער דערפאַרונג איז שוין די „קאָמאָנוועלט

פּעדערײשאָן״ איצט, נאָך װײניקער װי אין די װאַלן פון 1936, גענױגט צו שאַפן אַ נײַע פּאַרטײ.

אין די דאָזיקע בײַשפּילן איז אױסגעדריקט די אַלגעמײנע טענדענץ איבערן גאַנצן לאַנד צו פאַרשטאַרקן די ליניע פון „לײבאָר׳ס נאָן־פּאַרטיזאַן ליג״ קעגן דער טענדענץ פון באַלד פאָרמירן די נאַציאָנאַלע פאַרמער־לײבאָר פּאַרטײ. צװײ פאַקטאָרן אין דער דאָזיקער אַנטװיקלונג פאָדערן אַ טיפערע באַטראַכטונג. ערשטנס, די עקסטרעמע און אַלץ מער װאַקסנדיקע לעגאַלע שטערונגען אין די פאַרשײדענע שטאַטן פאַר דער פאָרמירונג פון אַ נײַער פּאַרטײ (אין אילינאָי גײט עס צו דער עקסטרעמקײט פון אױסשליסן פּאַרטײען װילקירלעך פון די װאַלן, נישט קוקנדיק אַפן געזעץ און נישט באַקומענדיק קײן שום צופרידנשטעלונג פון די געריכטן, בעת אין פלאָרידאַ איז עס אַפילו געקומען צו דעם, אַז מען זאָל אַף אַ געזעצלעכן אופן אַראָפּנעמען די רעפּובליקאַנישע פּאַרטײ פונעם באַלאָט). צװײטנס, די פּרײמערי־װאַלן, װאו די רעגירונגס־מאַשינעריע פון די װאַלן איז דער מיטל פון אױסקלײבן די קאַנדידאַטן פון די הױפּט־פּאַרטײען, און אין אַ געװיסער מאָס אַפילו די אָפיציעלע פּאַרטײ־קאָמיטעטן, װאָס שאַפן אַ מעכאַניזם דורך װעלכן די מאַסן קאָנען און טוען באַאײנפלוסן די דאָזיקע פּאַרטײען װען זײ גיבן זיך אַ נעם מיט גענוגנדיקער ברײטקײט און אָנשטרענגונג.

די איצטיקע ראָלע און צוקונפטיקע פּאָטענצן פון די דאָזיקע צװײ אײגנטימלעכקײטן אין דער אַמעריקאַנער װאַלסיסטעם, די שװעריקײטן פון אַרױפשטעלן נײַע פּאַרטײען אַפן באַלאָט און די מעגלעכקײטן פון אַרבעט אין די דירעקטע פּרײמעריס, זײַנען נישט גענוג באַטראַכט און סומירט געװאָרן פון דעם אַװאַנגאַרד פון פּאָליטישן ראַדיקאַליזם אין די פאַראײניקטע שטאַטן. זײ װערן בײדע פאַרשטאַרקט דורך די איצטיקע שטרעמונגען אינעם פּאָליטישן לעבן. יעדער אײנער װאָס װיל באַאײנפלוסן די פּאָליטישע אַקציעס פון מיליאָנען,

אין דער באַלדיקער צוקונפט, וועט דאַרפן אַלץ מער און מער נעמען אין חשבון די דאָזיקע פאַקטאָרן.

דער פונדאַמענט פון דער אַלטער צוויי־פּאַרטיי סיסטעם איז צעשמעטערט

דורות לאַנג איז אין אַמעריקע געווען די אַקסיאָמע פונעם פּאָליטישן ראַדיקאַליזם, אַז פּראָגרעס הויבט זיך אָן פון דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן ברוך מיט דער אַלטער צוויי־פּאַרטיי סיס־טעם. דעם אונטערשייד צווישן די רעפּובליקאַנער און דעמאָ־קראַטישע פּאַרטייען האָט מען פאַרשטאַנען ווי דעם אונטער־שייד צווישן דעם שד און דעם טייוול, דער „גאָלד־דאָסט" צווילינג פון וואָל־סטריט. אַזוי לאַנג ווי די טראַדיציאָנעלע פּאַרטיי־סטרוקטור איז געבליבן גאַנץ, איז די דאָזיקע אַקסיאָמע געווען ריכטיק. די אַלטע צוויי־פּאַרטיי סיסטעם, באַזירט אויף די געגנט־אינטערעסן פון די הויפּט־טיילן פון דער בורזשואַזיע, באַטאָנט דורך דער פעדעראַלער סטרוקטור, וואָס איז באַזירט אויף 48 זעלבסטשטענדיקע שטאַטן, און די ניט־פולשטענדיקע נאַציאָנאַלע אייניקייט פונעם לאַנד, האָט אויף אַ ווירקזאַמען אופן געשטערט די קלאַסן־טיילונג צווישן דער באַפעלקערונג פון אויסאיבן איר איינפלוס אויף אַ ממשות׳דיקן אופן אין די העכערע ספערן פון איר פּאָליטישן לעבן אינעם לאַנד. די דאָזיקע אַקסיאָמע איז אָבער מער ניט גילטיק, דערפאַר ווייל דער פונדאַמענט פון דער אַלטער צוויי־פּאַרטיי סיסטעם איז צערודערט געוואָרן דורכן קריזיס. דער „גאָלד־דאָסט" צווילינג איז געשטאָרבן. אויף זיין פּלאַץ זיינען דערשינען די קלאָרע קאָנטורן פון צוויי נייע פּאַרטייען, וואָס האָבן נאָך, אמת, אין זיך פיל ברוכשטיקער פון דעם אַלטן, אָבער וואָס שטעלן מיט זיך פאָר עפּעס נייעס — אַ פּאָליטישע גרופּירונג, וואָס ווערט באַהערשט, נישט דורך געגנט־אונטער־שיידן צווישן דער בורזשואַזיע, נאָר דורך אַ קלאַסן־איבער־

שיכטונג צווישן די מאַסן פון דער באַפעלקערונג. מיר האָבן שוין דאָ ניט מער אין אונזער לאַנד קיין פיקסירטע פּאַרטיי־סטרוקטור. יעדע זאַך האַלט זיך אין איבערבייטן. יעדע זאַך ענדערט זיך. יעדער אינדיווידום, יעדע גרופּע געפינט זיך אין באַוועגונג, פּראָוונדיק, מיט מער אָדער ווייניקער דער־פאָלג, צו געפינען איר ריכטיקע פּאָזיציע אין דער איבער־גרופּירונג, אין וועלכער דער הערשנדיקער שטריך איז די קלאַסן־איבערגרופּירונג.

אָט אין דעם דאָזיקן ליכט פון דער ברייטער פּערספּעקטיווע פון דער פּאָליטישער סצענע מוזן מיר אָפּשאַצן אַלע באַלדיקע פאַקטאָרן און פּראָבלעמען פון דער פּאַרמער־לייבאָר פּאַרטיי. איך האָב דאָ נישט קיין צייט אַף איבער׳חזר׳ן די אַלע פאַקטן, וואָס באַרעכטיקן די דאָזיקע אָריענטאַציע בנוגע דער גאַנצער פּאָליטישער סיטואַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די הויפּט־שטריכן פון דעם וועט איר געפינען, בעת איר וועט איבערלייענען מיין באַריכט צו דעם דעצעמבער־פּלענום פונעם צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין פּאַמ־פלעט־פאָרם אונטערן נאָמען „די רעזולטאַטן פון די וואַלן און דער פּאָלקס־פראָנט״. *)

די פּאַרמער־לייבאָר פּאַרטיי, וואָס ווערט אויפגעפאַסט אַלס דער אַמעריקאַנער עקוויוואַלענט פון דעם פּאָלקס־פראָנט אין פראַנקרייך, נעמט אָן אַ פאָרם און וואַקסט אין דער מוטער־לייב פון די פאַנאַנדערפאַלנדיקע צוויי אַלטע פּאַרטייען. זי וועט געבוירן ווערן ווי אַ נאַציאָנאַלע פּאַרטיי אין דעם מאָמענט ווען זי וועט הויפּטזאַכלעך קאָנען פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון איינער פון די אַלטע טראַדיציאָנעלע פּאַרטייען, שלאָגנדיק זיך, און, מעגלעך אויך, געווינענדיק דעם קאָנטראָל איבער דער פעדעראַלער רעגירונג פון דער ערשטער שעה

---

*) אַרויסגעגעבן פון דער וואָרקערס לייברערי פּאַבלישערס, ניו יאָרק. 10 סענט.

פון איר געבורט. עס מאַכט אונז ניט אויס וואָס פאַר אַ באַזונדער נאָמען דער קאַפּריז פון דער געשיכטע וועט איר געבן. די דאָזיקע נייע פּאַרטיי, וואָס הויבט אָן אָנצונעמען אַ פאָרם פאַר אונזערע אויגן, וואָס נעמט אַרום אַ מערהייט פון דער באַפעלקערונג, איז עס וואָס מיר קאָמוניסטן האָבן אין זינען ווען מיר רעדן וועגן אַ נאַציאָנאַלער פּאַרמער־לייבאָר פּאַרטיי ווי דער אַמעריקאַנער אויסדרוק פון דעם פאָלקס־פראָנט.

אין דעם ליכט פון דער דאָזיקער פאַרשטענדעניש ווערט שוין אָפּגערייניקט אַ גרויסער טייל פון די קוסטעס, וואָס פאַרשטעלן פון אונז דעם קלאָרן בליק פון דעם פּאָליטישן וואַלד, אָדער אַמווייניקסטנס הויבן מיר זיך אויף איבער זיי. אין אַ נייעם מעטאַפאָר וואָלטן מיר געקאָנט זאָגן, אַז עס ווייזט זיך בלויז אויס, אַז די כוואַליעכלעך פון די פאַרהעלטנים־מעסיק קליינע באַוועגונגען פאַר דער פאַרמער־לייבאָר פּאַרטיי פאַלן, אַז אין דער ווירקלעכקייט גיסן זיי זיך צוזאַמען מיט אַ גרויסער פאַרפלייצונגס־כוואַליע פון אַ פולשטענדיקן איבערבוי אין דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק. דער אויגנשיינלעכער פּאַראַדאָקס, מיט וועלכן מיר האָבן אָנגעהויבן אונזער אונטערזוכונג, דער ווידערשפּרוך פון אַ שטייגנדיקער באַוועגונג און אָן אָפּהאַלט אין די פאַרזוכן פון דער מינאָריטעט צו עטאַבלירן אַ פאַרמער־לייבאָר פּאַרטיי, ווערט אָפּ אַ פּאַראַדאָקסאַלן אופן אויפגעלייזט אין אַ העכערער איינהייט.

אויב דער דאָזיקער בליק איז אין עצם און בכלל ריכטיק, ווי מיר באַהויפּטן, פאָלגט דערפון, אַז אַלע אַנדערע סובאָרדינירטע פראַגן פון טאַקטיק און אָרגאַניזאַציע, פון די שייכות׳ן פון די פאַרשיידענע גרופּירונגען און פערזאָנען, פאָדערן אַ פולשטענדיקע אונטערזוכונג און איבערשאַצונג; אַז זיי אַלע מוזן ווערן צוגעפּאַסט צו דעם גרויסן היסטאָרישן פּראָצעס וואָס גייט אָן אַרום אונז, אין וועלכן מיר זיינען לעבעדיקע פאַקטאָרן, און אין וועלכן אונזער ספּעציעלע ראָלע איז צו געבן באַוואוסטזיניקייט, זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט

און כסדר׳דיקע פירערשאַפט. די אַנטוויקלונג פון דעם פּאָלקס־פראָנט קאָן בלויז אָנגיין לויט דער ליניע פון קאָמבינירן די עקזיסטירנדיקע פאָרמען פון אַ פאַרמער־לייבאָר פּאַרטיי מיט די פּראָגרעסיווע באַוועגונגען וואָס אַנטוויקלען זיך גלייכ־צייטיק אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי (אין איניקע פּלע־צער אויך די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי), אין די וואַלן, אַזוי גוט ווי אין אַלע אַנדערע אויסדרוקן פון פּאָליטישע און עקאָנאָמישע מאַסן־באַוועגונגען.

דאָס זיינען די הויפּט־חשבונות, וואָס באַשטימען אַלע הויפּט־אישום פון דעם איצטיקן מאָמענט, וואָס זיינען פאַר־וויקלט אין עטאַבלירן אַ פולע גאַראַנטיע קעגן דעם זיג פון פאַשיזם אין אַמעריקע. די דאָזיקע חשבונות באַשטימען די פאָרם פון דעם ברייטסטן קאַמף פאַר דער אויפהאַלטונג פון דעמאָקראַטיע און פאַר איר אויסברייטערונג. זייער דעטער־מינירנדיקע קראַפט מוז זיין פּונקט אַזוי גרויס פאַר אַלע די, וועמעס הויפּט־ציל פאַר אַמעריקע איז דער סאָציאַליזם, אַ נייע געזעלשאַפט אָן עקספּלואַטאַציע פון איין מענטש דורך דעם צווייטן און אָן קלאַסן. די פולסטע פּאַרטיידיקונג פון אפילו דער באַגרענעצטער און אומאַנטוויקלטער דעמאָקראַטיע וואָס מיר האָבן היינט־צו־טאָג אין אַמעריקע, און פון אירע בעסטע פרוכט אינעם קולטורעלן און מאַטעריעלן צושטאַנד פון דער באַפעלקערונג, פאַלט פולשטענדיק צוזאַמען מיט דעם סאַמע דירעקטן און גרינגסטן וועג צום סאָציאַליזם.

צי ענדערן מיר אַף וועלכן עס איז וועזנטלעכן אופן אונזער אויפפאַסונג וועגן דער פאַרמער־לייבאָר פּאַרטיי ווי מיר האָבן עס באַנומען אין דער צייט און נאָך דעם 7טן וועלט־קאָנגרעס? ניין, עס ענדערט ניט. די אויסזיכטן פון פאַרווירקלעכן די נאַציאָנאַלע פאַרמער־לייבאָר פּאַרטיי, אַלס אַ גרויסע פּאַרטיי דאָ אין לאַנד, זיינען בעסער ווי נאָך קיינ־מאָל ניט פריער, אָבער די דאָזיקע פאַרשנעלערטע אַנטוויק־לונגען פאָדערן געוויס ניט קיין גרינטלעכע ענדערונג אין

אונזער גאַנצער אויפֿפּאַסונג. די ענדערונגען וועלכע זיינען נויטיק זיינען טאַקטישע, אָפּגעבּיט פֿון מעטאָדן און צוגאַנג, און מער פֿון אַלץ דורך אַן אויסברייטערונג אין ברייטערע האָריזאָנטן.

אין מינעסאָטאַ, וואו די פּאַרמער־לייבאָר פּאַרטיי איז שוין איצט די וויכטיקסטע פּאַרטיי, וואָס קאָנטראָלירט דעם שטאַט, האָט זי, די פּאַרטיי, שוין געפֿונען פֿאַר נויטיק צו עטאַבלירן דעם דאָזיקן ברייטן צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער סיטואַציע. די פּראָגרעסיווע פּאַרטיי אין וויסקאָנסין האָט, אין עצם, די זעלבע אָריענטאַציע, כאָטש זי איז ניט אַזוי רייף ווי די פּאַרטיי אין מינעסאָטאַ. די וואַשינגטאָנער באַוועגונג יאָגט שנעל נאָך די דאָזיקע צוויי אַוואַנגאַרד־שטאַטן. בלויז דאָרט וואו די פּאַרמער־לייבאָר פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס זיינען נאָך אַלץ אַנטשיידנדיקע מינאָריטעט־גרופּירונגען, ספּעציעל וואו די סי. אַי. אָ. יוניאָנס זיינען אַ וויכטיקער פֿאַקטאָר אין דעם געגנט, פֿאָדערט זיך אַ טאַקטישע רעאָרגאַניזאַציע.

אַף אַזוי פֿיל אַף וויפֿיל די מאַסן טרייד־יוניאָנס און אַנדערע פּראָגרעסיווע גרופּן באַוועגן זיך אין דער ריכטונג פֿון אַ פֿאָלקס־פראָנט פּלאַטפאָרמע, אָבער זיי זיינען נאָך ניט גרייט אָנצושליסן זיך אין אַ פּאַרמער־לייבאָר פּאַרטיי, דאַרפֿן די כחות פֿון דער פּאַרמער־לייבאָר פּאַרטיי זיך באַוועגן אין דער ריכטונג פֿון אַ געמיינשאַפֿטלעכן פּאָליטישן פראָנט צוזאַמען מיט זיי. זיי דאַרפֿן זיי דערמוטיקן צו סיסטעמאַטישער און אָרגאַניזירטער אַקטיוויטעט אין די רייען פֿון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי (אין איניקע פּלעצער אויך אין דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי), באַנוצנדיק זיך פֿולשטענדיק מיט די דעמאָקראַטישע מעגלעכקייטן פֿון דער וואַל־מאַשינעריע אין די פּריימערים, צו נאָמינירן אויסגעשפּראָכענע אַנטי־פּאַשיסטישע און פּראָגרעסיווע קאַנדידאַטן און פֿאָרמולירן אַ קלאָרע פּראָגראַם פֿון פּראָגרעסיווער, סאָציאַלער און אַרבעטער־געזעצגעבונג. די ברייטע קרעפֿטן, וועלכע זיינען פֿאַראַן

פאַר אַזעלכע באַוועגונגען, האָבן זיך שוין אָפּגעזוכט אין די שטאַטלעכע קאָנפערענצן פאַר סאָציאַלער און אַרבעטער־געזעצגעבונג, וואָס זיינען, זינט אונזער דעצעמבער־פּלענום, אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין אַרום 20 שטאַטן. מיר זעען זיי אויך אין דער באַוועגונג פון די קלאַסן־כחות אין דער ריכטונג פון די מוניציפּאַל־וואַלן, וואָס גרייטן זיך איצט אָפּגעהאַלטן צו ווערן איבערן גאַנצן לאַנד. איבערהויפּט ווייסן מיר פון אַזעלכע אָנזעענדיקע וואַלן אין ניו יאָרק, אין דעטראָיט, אין קליוולאַנד, אין עקראָן, און אין פיל אַנדערע שטעט וואו ס'איז דאָ אַ מעגלעכקייט פאַר אַ פאָלקס־פראָנט טיקעט.

דאָרט, וואו די פּראָגרעסיווע כחות געווינען די נאָמינירונג פון קאַנדידאַטן און באַשטימען זייערע פּלאַטפאָרמען, דאָרט קאָנען און מוזן די מינאָריטעט־כחות פון דער פאַרמער־לייבאָר פּאַרטיי, איינגעשלאָסן די קאָמוניסטן און אַנדערע לינקע עלעמענטן, אונטערשטיצן אַזעלכע קאַנדידאַטן אין די וואַלן.

אין די מוניציפּאַלע וואַלן, וואָס גרייטן זיך היאָר איבערן גאַנצן לאַנד, מוז געמאַכט ווערן אַן אַנטשיידנדיקער פאַרזוך צו דערשלאָגן זיך צו אַזאַ געמיינשאַפטלעכן פראָנט פון אַלע פּראָגרעסיווע און אמת־דעמאָקראַטישע כחות. די רעזולטאַטן פון די דאָזיקע מוניציפּאַלע וואַלן קאָנען מעגלעך האָבן אַן אַנטשיידנדיקן איינפלוס אַף דעם לויף פון די קאָנגרעס־וואַלן, וואָס דאַרפן אומעטום פאָרקומען אין 1938.

אונזער וועג פון קאַמף

געוויס טאָרן ניט זיין קיין שום אילוזיעס, אַז מיר טרעטן אַף אַזאַ אופן אַרויף אַף אַ ברייטן, גלאַטן, אויסגעפּלאַסטערטן וועג, וואָס לויפט באַרג־אַראָפּ, אַף וועלכן מיר דאַרפן זיך בלויז גליטשן כדי צו קומען צו אונזער באַשטימטן פּלאַץ. די דאָזיקע פּאָליטיק נעמט אונז אַף אַ וועג פון קאַמף, וואָס איז מער קאָמפּליצירט און אַף פאַרשיידענע אופנים פיל שווערער,

מיט גרעסערע געפאַרן אַפן וועג, ווי מיר האָבן עס געהאַט ביז איצט. יעדער אינטש פון דעם וועג וועט ווערן באַקעמפט פון דעם שונא, און דורך דער אינערציע פון דער פאַר־גאַנגענהייט. די קאָמפּליקאַציעס פון די טאָג־טעגלעכע פּראָב־לעמען וועלן ווערן פאַרפּילפּאַכט. פון אַלע די וועלכע זיינען באַאיינפלוסט פון דעם טראָצקיזם און פון דער פּרינציפּנלאָזער אָפּאָזיציע צו דעם פאָלקס־פראָנט, וועט זיך נעמען הערן אַ כאָר פון סופּער־רעוואָלוציאָנערע קוויטשערייען וועגן אונזער פאַרראַט צו דעם קלאַסנקאַמף, א. אז. וו. אָבער מיר, און מיט אונז אַלע בעסטע כחות פון דער אַרבעטערשאַפט און פון די פאָלקס־באַוועגונגען, וועלן דורך אַנטשיידנדיקער האַנדלונג, און דורך כסדר׳דיקער וואַכזאַמקייט, באַווייזן די ריכטיקייט פון דער דאָזיקער פּאָליטיק אין לעבן, דורך די דערגרייכונגען אין אָרגאַניזירן די מאַסן און אין דער פאַרבעסערונג פון זייער לאַגע אין אַלע הינזיכטן.

נישט אומעטום וועט דער דערפאָלג פון די כחות פון דעם פאָלקס־פראָנט זיין גלייכאַרטיק אָדער קומען גלייך. דאָרט, וואו די אָנשטרענגונגען צו דערגרייכן אַזאַ געמיינשאַפטלעכן פראָנט וועלן דורכפאַלן, אָדער דאָרט וואו דער וואַל־צעטל וועט פאַרלירן אין די פּריימעריס, וועט דער עצם אָנשטרענג, וואָס איז דורכגעפאַלן, שוין האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דעם פולסטן מעגלעכן באַנוצן־זיך מיט אומאָפּהענגיקע וואַל־צעטלען, פאַרמער־לייבאָר וואַל־צעטלען, און אַפילו פון אינדיווידועלע אומאָפּהענגיקע קאַנדידאַטן, כדי צו פאַררעגיס־טרירן די וואַקסנדיקע פּראָגרעסיווע כחות אין די וואַלן. און דאָרטן אַפילו וואו דאָס וועט זיין אוממעגלעך, וועט די קאָמו־ניסטישע פּאַרטיי קאָנען אַרויסשטעלן אירע אייגענע קאַנ־דידאַטן. דער הויפּט־חשבון אין יעדן פאַל וועט דאַרפן זיין — צו פאַרזיכערן זיך מיטן סאַמע שנעלסטן און כסדר׳דיקן וואוקס און אייניקייט צווישן די כחות וואָס אַרבעטן פאַרן פאָלקס־פראָנט, און בשום אופן נישט דערלאָזן, אַז די רע־

אַקציאָנעלע כחות זאָלן מאַנאָפּאָליזירן די וואַלן. אין פאַר־בינדונג מיט דעם האָבן מיר שוין געזען אָן אַ צאָל מאָל ווער עס שטעלט מיט זיך פאָר דעם אָרגאַניזירטן צענטער פון די שונאים, וואָס מיר דאַרפן באַקעמפן. דאָס איז יענע קליינע גרופּע, וואָס איז דאָ נישט לאַנג צוריק פּאָפּולאַריזירט געוואָרן ווי די עקאָנאָמישע ראָיאַליסטן, וואָס באַהערשן די פאַר־אייניקטע שטאַטן, אָדער וואָס זיינען באַוואוסט אַלס די אויבערשטע „400”, און אידענטיפיצירט אויך ווי „דזשע־ראַרד'ם ליסטע” פון די 59 הערשער פון אַמעריקע.

די דאָזיקע גרופּע איז פיינטלעך צו די נאַציאָנאַלע אינ־טערעסן. דאָס זיינען זיי, וועלכע באַזאָרגן די פּאָטענציעלע שונאים פון אַמעריקע מיט מיליטערישע מכשירים, מיט זייערע גרויסע טראַנספּאָרטן פון שטאָל, ברוך־אייזן, שיס־פּולווער, און מיליטערישע באַוואָפענונג פאַר יאַפּאַן. אונזער גאַנצע אַרבעט אין דער ריכטונג פון דעם פאָלקס־פראָנט מוז ווערן געצילט אַף אידענטיפיצירן די דאָזיקע שונאים, אָנגעבנדיק קאָנקרעטע נעמען און אַדרעסן, אַף אַ נאַציאָנאַלן און לאָקאַלן מאַסשטאַב. מיר מוזן מאַכן אַ גרינטלעכע אויספאָרשונג וועגן דעם ווער עס זיינען די דאָזיקע עקאָנאָמישע ראָיאַליסטן און אָנצייגן אַף זיי מיט די פינגער פאַר די מאַסן אין די לאָקאַלע וואַלן, און אין די צוגרייטונגען פאַר די קאָנגרעס־וואַלן, אין דער גאַנצער קאַמפּאַניע פאַר אַ פאָלקס־פראָנט אין אַמעריקע.

דרייקעפּ און שונאים פון דעם פאָלקס־פראָנט וועלן פּרואוון אַוועקדרייען די דיסקוסיע וועגן דער דאָזיקער טאַק־טיק צו דער פראַגע וואָס דאַרף זיין אונזער שטעלונג צו דער „דעמאָקראַטישער פּאַרטיי”. אָבער די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי איז נישט קיין איינהייט, וואָס קאָן אַזוי דיסקוטירט ווערן מיט וועלכן ס'איז נוצן. אין אירע סאַמע עצם באַוועגט זיך די דאָזיקע פּאַרטיי אין אַ פּראָגרעסיווער ריכטונג, כאָטש זייער ניט גראַדליניק, אונטער דעם איינפלוס פון דעם, וואָס גרויסע טיילן פון דער רעכטער פירערשאַפט און פון די

העכערע קלאַסן דעזערטירן, און די וואַקסנדיקע שטיצע, וואָס זי באַקומט פון די אונטערדריקטע קלאַסן — דער פּראָצעס, וואָס מיר וועלן אָנרופן אַן „איבערגרופּירונג פון קלאַסן". אַף אַזאַ אופן פאָרמיר זי דאָס אין די פאָרמעלע גרענעצן פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אַ פּראָגרעסיווער פליגל; דער דאָזיקער פליגל נעמט אַרום אַלץ גרעסערע טיילן און שיכטן פון דער פּאַרטיי און אירע אָרגאַניזאַציעס. אין איינציקע פאַלן, מען קאָן נאָך ניט זאָגן פיל, קומען צו די דאָזיקע דעמאָקראַטישע פּראָגרעסיווע כחות נאָענט צו דער באַוועגונג פאַרן פאָלקס-פראָנט. אין זייער מערהייט וועלן זיי אין דער נאָענטער צוקונפט ווערן שותפים פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין דער דאָזיקער באַוועגונג. שטאַרקע רעאַקציאָנערע כחות אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי באַקעמפן דעם דאָזיקן פּראָ־צעס מיט ציין און נעגל. אַנדערע שפּיגלען עס בלויז אָפּ אַף אַ צעקריפּלטן אופן, אין טיילן, און מיט וואַקלונגען און צוריקקערענישן.

עס איז נויטיק קלאָר פאַנאַנדערצוטיילן צווישן די צוויי שטרייטנדיקע כחות צו האָבן אַ שאַרפע באַזונדערע שטעלונג צו יעדן פון זיי, צו דערמוטיקן די פּראָגרעסיווע עלעמענטן און זייערע פאָרשלאָגן, צו קריטיקירן די אומקלאָרע און וואַקלענדיקע, און צו קעמפן אומקאָמפּראָמיסלעך קעגן די רעאַקציאָנערן. מיט אַזאַ צוגאַנג, קאָן ניט זיין קיין שום פראַגע וועגן וועלכער עס איז איינהייטלעכער שטעלונג צו דער „דעמאָקראַטישער פּאַרטיי", גענומען אַלס אַ גאַנצע. מיר קאָמוניסטן האָבן, למשל, קריטיקירט מיט דער פולער שאַרפ־קייט אַזעלכע שעדלעכע פּאָליסים פון דער רוזוועלט אַדמיני־סטראַציע ווי איר צוריקגאַנג אינעם זינען פון רעליף, איר דורכפאַל אַרויפצולייגן דעם שטייערן־יאָך אַף די רייכע, און איר שענדלעכע קאַפּיטולירונג צו די רעאַקציאָנערן אין דער שפּאַנישער פראַגע. אין דער זעלבער צייט אונטערשטיצן מיר אַלע מאָסמיטלען און פאָרשלאָגן וואָס האָבן אַ פּראָגרעסיוון

כאַראַקטער (אַזעלכע ווי אַרבעט־לוין און אַרבעט־שעה'ען גע־זעצגעבונג; די רעפאָרם פון סופרים־קאָורט; און די אויס־פאָרשונג פון די רייכע שטייערן־אויסמיידער), יעדע זאַך וואָס שטעלט זיך איין פאַר די דעמאָקראַטישע רעכט און עקאָ־נאָמישע אינטערעסן פון די פאָלקס־מאַסן, וואָס איז געריכטעט קעגן רעאַקציע, פאַשיזם און מלחמה. אַף אַזאַ אופן וועלן מיר אויסאיבן דעם שטאַרקסטן איינפלוס אַף די מאַסן, און דורך די מאַסן באַאיינפלוסן דעם איבערבוי פונעם פּאָליטישן לעבן, דאָ אין לאַנד, וואָס גייט איצט אָן.

די אישו צווישן רוזוועלט'ן און דער רעאַקציאָנערער קאָאַליציע, וואָס איז קעגנעריש צו אים, די אישו פון דער באַציאונג פון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג צו די שטאַט־רעגירונגען, איז פון ווייט־גרייכנדיקער וויכטיקייט. געוויס אונטערשטיצן מיר רוזוועלט'ן קעגן די רעאַקציאָנערן אין דער פראַגע פון מער מאַכט פאַר דער פעדעראַלער רעגירונג צו האַנדלען אין נאַציאָנאַלע פראַגן. אָבער די דאָזיקע אישו איז נאָך דערווייל אַלץ שמאָל אַוועקגעשטעלט צווישן די צוויי הויפּט־גרופּירונגען. די דאָזיקע אישו איז פאַר אונז פיל טיפער און ווייט־גרייכנדיקער. אַז די דאָזיקע אישו קאָן בכלל עקזיסטירן איז אַ צייכן פון דער אומפולשטענדיקער נאַציאָ־נאַלער איינהייטלעכקייט פון אונזער רעפּובליק. די אַמערי־קאַנער בורזשואַזיע איז קיינמאָל ניט געווען אומשטאַנד צו פאַראייניקן אונזער לאַנד אין איין נאַציע; זי האָט געמאַכט קאָמפּראָמיסן מיט אַלע מינים לאָקאַליזמען און באַזונדער־קייטן, וואָס צעטיילן דאָס פאָלק. די דאָזיקע צעטיילונגען, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון פאַר־קאַפּיטאַליסטישע כחות (שקלאַפעריי, לענדלאָרדיזם, קאָלאָניאַ־ליזם), זיינען איבערגענומען געוואָרן פון דער העכערער בור־זשואַזיע אַלס פעסטונגען אינעם קאַמף קעגן פאָלק. דאָס איז די אורזאַך פאַרוואָס די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי, וואָס איז אין אָנהויב געווען אַ פּאַרטיי פון נאַציאָנאַלער אייניקייט, האָט

זיך טראַנספאָרמירט אין אַ פּאַרטיי פון לאָקאַליזמען קעגן דער נאַציע.

דאָס אויפקשטעלן די לאָקאַליטעט קעגן דער נאַציע, דעם טייל קעגן דעם גאַנצן, ווערט גענוצט כדי צו פּאַראַליזירן אַלע פּאַרזוכן פאַר סאָציאַלער געזעצגעבונג, און כדי ניט צו דערלאָזן אַ ווייטערדיקע דעמאָקראַטיזאַציע. בלויז בײַ אַ פולערער, און פולשטענדיקערער נאַציאָנאַלע איינהייטלעכקייט קאָנען די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון די מאַסן קוים דערגרייכט ווערן ; בלויז אױף אַזאַ אופן קאָן עטאַבלירט ווערן אַ ווירקזאַמע דעמאָקראַטיע. דורך אַראָפּוואַרפן די גערייכטלעכע דיקטאַטור און דורך איינשטעלן אַ נאַציאָנאַל וואַל־סיסטעם, וואָס גאַראַנטירט אינעם לעבן די רעכט פון דער בירגערשאַפט, וואָס איז צוגעזאָגט געוואָרן אין דער קאָנסטיטוציע, קאָנען מיר אָפּשאַפן אַלע באַשרענקונגען פון דער וואַל־פרייהייט און באַזאָרגן אַ דירעקטע און פּראָפּאָרציאָנעלע פאַרטרעטערשאַפט אין יעדן שטאַט. טאַקע אין דער דאָזיקער ריכטונג פון אַ מער פולשטענדיקן באַגריף פון נאַציאָנאַלער איינהייט דאַרפן מיר קאָמוניסטן ווענדן דעם געדאַנק פון דער ברייטער פאָלקס־באַוועגונג. טוענדיק אַזוי וועלן מיר פאָרזעצן אונטער די היינטיקע באַדינגונגען יענע דעמאָקראַטישע אַרבעט וואָס עס האָבן אָנגעהויבן וואַשינגטאָן, דזשעפערסאָן און פּעין, און וואָס איז פאָרגעזעצט געוואָרן פון לינקאָלן. מיר קאָמוניסטן מוזן באַקאַנט ווערן אַלס די סאַמע ענערגישסטע קעמפער פאַר דער פולער נאַציאָנאַלער פאַראייניהייטלעכונג אין אונזער לאַנד.

אױף דעם דאָזיקן פונדאַמענט וועלן מיר ריכטן אונזער איינפלוס אין די רייען פון דער פאָלקס־באַוועגונג און אין דער פאָרמולירונג פון איר פּראָגראַם. די דאָזיקע פּראָגראַם אַנטשטייט פון דעם לעבן פון די מאַסן ; איר כאַראַקטער איז אָנגעצייכנט געוואָרן אױף אַ פולן אופן אין דער וואַל־פּראָגראַם פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין די פּרעזידענט־וואַלן ; זי איז ווייטער באַהאַנדלט געוואָרן אין דעטאַל אױף די שטאַטן־

קאָנפערענצן פאַר סאָציאַלער און אַרבעטער־געזעצגעבונג. דאָס איז אַ פּראָגרעסיווע און אַ דעמאָקראַטישע פּראָגראַם, וואָס איז אומשטאַנד צו פאַראייניקן די מערהייט פון דער באַפעלקערונג אין דער נאָענטער צוקונפט.

טאָמאַס׳עס „סופּער־רעוואָלוציאָנערע״ אַרגומענטן קעגן דעם פאָלקס־פראָנט

לאָמיר דאָ איצט אַף איין מאָמענט ווידער אַ קער טאָן אונזער אויפמערקזאַמקייט צו די טענות פון יענע, וועלכע זיינען קעגן דעם פאָלקס־פראָנט צוליב בלומרשט „רעוואָלוציאָנערע״ מאָטיוון. אונזער פריינט נאָרמאַן טאָמאַס, למשל, האָט זיך ערשט אומגעקערט פון אַ קורצער רייזע אין אייראָפּע, וואו ער האָט פאַרבראַכט אַרום אַ וואָך אין ענגלאַנד, אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אין סקאַנדינאַוויע, אין שפּאַניע און אין פראַנקרייך. אַזאַ רייזע האָט געדאַרפט זיין זייער דערציעריש, ספּעציעל ווען זי איז דערגאַנצט געוואָרן דורך אַ פּאַשיסטישער באָמבע, וואָס איז אַראָפּגעשליידערט געוואָרן בלויז אַ הונדערט יאַרד אַוועק פון זיין האָטעל אין וואַלענציע. פונדעסטוועגן האָט ער מיט זיך צוריק געבראַכט מערסטן טייל פון זיינע פאָראורטיילן אַזוי ווי זיי זיינען געווען, און דאָס וואָס ער האָט געזען און געהערט, אָדער אַפילו די באָמבע, האָט אים ניט צערודערט. מיר מוזן אָבער זיין דאַנקבאַר פאַר די קליינע געווינסן; אַזוי מוזן מיר פאַרצייכענען, אַז טאָמאַס האָט פאַרשטאַנען, און האָט עס אַזוי געזאָגט, אַז דער טראָצקיס־טישער אויפשטאַנד אין באַרצעלאָנאַ איז געווען אַ פאַרברעכן. ער האָט געזאָגט, יוני דעם 10טן (אַף דעם היפּאָדראָם מיטינג), אַז „צו פאַרגעבן דעם דאָזיקן אויפשטאַנד מיינט צו העלפן היינט־צו־טאָג פאַשיזם.״ אַזוי ווייט, אַזוי גוט. מיר קאָנען בלויז זאָגן, אַז ער וועט דאַרפן איבערציינגן זיין פּאַרטיי, אַז יענע וועלכע העלפן אַף אַזאַ אופן דעם פאַשיזם זאָלן ניט

טאָרן בלייבן אין אירע רייען. אָבער ווי עקשנות'דיק טאָמאַס האַלט זיך עס נאָך אָן דעם טראָציקסטיש־אינספּירירטן פּאַר־אורטייל קעגן דעם פּאָלקס־פראָנט, וועלכן ער האָט מיט זיך מיטגעפירט אין אייראָפּע! מען קאָן דאָס זען אין נאָך צוויי ציטאַטן פון דער זעלבער רעדע: „איך וואָלט ניט זאָגן, אַז די פּאָלקס־פראָנטן האָבן געהאָלפן די דערציאונג פאַרן סאָציאַ־ליזם..." „מיט וועלכן איבערגאַנג לייגן מיר אַ בריק איבער דעם אָפּגרונט צווישן אַ פּאַרטיידיקונגס־קאַמף קעגן פאַשיזם און דעם זיג איבער דעם קאַפּיטאַליזם?" אין דער זעלבער צייט גיט טאָמאַס צו, אַז דער פּאָלקס־פראָנט האָט „אָפּגע־שטעלט דעם פאַשיזם".

אין די דאָזיקע ציטאַטן חזר'ט טאָמאַס איבער די זעלבע פאַלשע קעגנשטעלונג פון צוויי טיילן פון דער איין אויפגאַבע, וואָס עס האָט פאַר זיך די פּאַרטיי פון סאָציאַליזם, וועלכע האָט פאַרצייכנט די געשיכטע פון טראָצקי'ס קאַמף קעגן לענינ'ען זינט דער גרינדונג פון דער רוסישער באָלשעוויס־טישער פּאַרטיי. טאָמאַס האָט אָפּגעוואָרפן די גיפטיקע פרוכט פון טראָצקיזם ווען זי האָט זיך באַוויזן אין דעם באַרצעלאָנאַ־אויפשטאַנד, אָבער ער האַלט נאָך אַלץ אין פּאַרטיידיקן די פונדאַמענטאַלע פאַלשקייט אַף וועלכער ער האָט זי באַזירט. דער פאַשיזם, וואָס דראָעט צו מאַכן אַ חורבן פון גאַנץ מערב־אייראָפּע; וואָס פּלאַנט אַ מלחמה צו פאַרניכטן דאָס לאַנד פון סאָציאַליזם, דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד; וואָס ווערט שוין אָן ערנסטע געפאַר אין די פאַראייניקטע שטאַטן; וואָס פירט אומעטום אַ פאַרניכטונג־קריג קעגן אַלע סאָציאַליסטן און קעגן דער אַרבעטער־באַוועגונג — דער פראָגרעס פון דעם דאָזיקן פאַשיזם איז געוואָרן „אָפּגעשטעלט" דורך דעם פּאָלקס־פראָנט, און טאָמאַס אַליין גיט עס צו, פונדעסטוועגן לייקנט ער אַלץ אָפּ, אַז דער פּאָלקס־פראָנט, וואָס האָט איינגעצאַמט דעם פאַשיזם, זאָל האָבן געהאָלפן דער דערציאונג פאַרן סאָ־ציאַליזם. ער פאָדערט נאָך אַלץ דעם באַלדיקן „איבערגאַנג"

צום סאָציאַליזם נאָך איידער ער האָט נאָך אַפילו באַשלאָסן אָנצושליסן זיך אָן דעם פאָלקס־פראָנט אָפּצושטעלן דעם פאַשיזם.

די ערגסטע לאַגע אין טאָמאַס'עס צווייפלען און צעמישעניש איז, וואָס אין זיינע אייגענע פּראָגראַמאַטישע אויסערונגען האָט ער קיינמאָל פאַר זיך נישט געשטעלט די פּראָבלעם פונעם „איבערגאַנג" צום סאָציאַליזם. די פּראָגראַם פון פאָלקס־פראָנט איז ניט סאָציאַליזם. זי האָט דעם גרויסן פאַרדינסט פון ניט מאַכן קיין שום אַזעלכע פּרעטעזיעס. זי איז אָפנהאַרציק אין דעם, אַז זי איז אַ געמיינשאַפטלעכע פּלאַטפאָרם פון ניט־סאָציאַליסטן צוזאַמען מיט סאָציאַליסטן. אָבער די פאַרווירקלעכונג פון דער דאָזיקער פּראָגראַם באַשאַפט די סאַמע גינסטיקע באַדינגונגען פאַר צונויפזאַמלען און אָרגאַניזירן די כחות פון סאָציאַליזם. קיינער קאָן ערנסט ניט פּרעטענדירן צו קעמפן פאַרן סאָציאַליזם, און ניט מיט אַלע מיטלען עקשנות'דיק קעמפן צו באַשאַפן די דאָזיקע סאַמע גינסטיקע באַדינגונגען. אָבער טאָמאַס וויל דעם „איבערגאַנג" איידער ער וויל העלפן צו באַשאַפן פאַר אים די באַדינגונגען. ווען פרידריך ענגעלס איז געשטאַנען פאַר אַן ענלעכער פאָדערונג פון די בלאַנקיסטן *), האָט ער אויסגערופן גלייך נאָך די דערפאַרונגען פון דער פּאַריזער קאָמונע: „וואָס פאַר אַ קינדערשע נאַאיווקייט עס איז אַרויסצורוקן די אייגענע אומגעדולדיקייט ווי אַ טעאָרעטיש־איבערצייגנדיקן אַרגומענט."

מען מעג זיך דערלויבן צו פאַרדעכטיקן, אַז די „סופּער־רעוואָלוציאָנערע" אַרגומענטן דאָ, אַזוי גוט ווי אין די פריערדיקע צייטן, פאַרדעקן אַן אומוויליקייט אָנטייל צו נעמען אין די שווערע און אָנגעשטרענגטע אויפגאַבן פון אויפבויען אַן

*) די בלאַנקיסטן זיינען געווען לינקיסטישע אַנטי־מאַרקסיסטישע סאָציאַליסטן אינעם 19טן יאָרהונדערט, וואָס זיינען געווען אומגעדולדיק מיט דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.—רעד.

ערנסטע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, און פון נעמען פאַר־אַנטוואָרטלעכקייטן אויף די אייגענע פּלייצעס.

זינט דער גרינדונג פונעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, זיינען אַלע זיינע גרויסע לערער געווען געצוואונגען כסדר צו קעמפן קעגן די פראַזן־שיסער פון דער „קיינע קאָמפּראָמיסן"־שולע, דער צייכן פונעם קליינבירגערלעכן ראַדיקאַליזם. יעדער דור מוז פאָרזעצן דעם דאָזיקן קאַמף, ווייל אַזאַ פּוסטע באָמבאַסטיק ווערט כסדר געבוירן אין די מוחות פון יענע, וועלכע זיינען אומפּייאיק אָדער אומוויליק צו לערנען פון דער פאַרגאַנגענהייט. די גרויסע פּאָלעמישע אַרבעטן פון מאַרקס'ן און ענגעלס'ן האָבן געדאַרפט סופּלעמענטירט ווערן פון לענינ'ען (ווי אין דעם גרויסן ביישפּיל, „קאָמוניזם פונעם לינקן פליגל — אַ קינדער־קראַנקהייט"), בעת נאָך לענינ'ען איז געוואָרן נויטיק פאַר סטאַלינ'ען אָנצופירן דעם עפּישן קאַמף קעגן טראָצקיזם, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט „פּרינציפּיעל" צוצוגעבן די מעגלעכקייט פון „סאָציאַליזם אין איין לאַנד", פאָדערנדיק מיטאַמאָל די גאַנצע וועלט אָדער גאָרניט.

דער פאָלקס־פראָנט, דער פאַרטיידיקונגס־צענטער פון אַלע אונטערדריקטע און ליידנדיקע מענטשן קעגן דער באַלדיקער אַלגעמיינער געפאַר פאַר זייער וואוילזיין, איז אַ באַגריף, וואָס איז איינגעבוירן אין דער גאַנצער קלאַסישער ליטעראַטור פון דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם. לענין האָט אים געגעבן זיין הויפּט־געדאַנק אַזוי לאַנג צוריק ווי 1902, אין דעם אויסגעצייכנטן לאָזונג — „דער אידעאַל פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַט (פון דעם רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליסט אָדער קאָמוניסט) דאַרף זיין נישט צו ווערן אַ סעקרעטאַר פון אַ טרייד־יוניאָן, נאָר אַ טריבון פונעם פאָלק."

געוויס זיינען מיר ניט גלייכגילטיק צו דער פּראָבלעם פון „איבערגאַנג" פון אַ זיג איבערן פאַשיזם צו אַ זיג איבער דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, וואָס איז אָפּגעריסן פונעם טאָג־טעגלעכן לעבן. דער דאָזיקער איבערגאַנג דער־

שיינט אַף דער באַזע פון דער וואַקסנדיקער מאַכט, אָרגאַניזאַציע, דיסציפּלין, קאַמפּס־מאַכט, און פאַרשטענדעניש פונעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס זאַמלט אַרום זיך אַלס פאַרבינדעטע אַלע אַנדערע אונטערדריקטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג — אַן אַרבעטער־קלאַס, וואָס האָט געלערנט ווי אַזוי צו באַגעגנען אין שלאַכט זיינע ערגסטע שונאים, וואָס עס זיינען, היינט־צו־טאָג, די פאַשיסטן און מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַליסטן, און באַזיגן זיי אין די באַלדיקע אישום פון דעם מאָמענט. ניט קיין אַנטמוטיקטער, באַזיגטער און דעמאָראַליזירטער אַרבעטער־קלאַס וועט אויפנעמען און פאַרווירקלעכן די גרויסע פּראָגראַם פון סאָציאַליזם; בלויז די ענטוזיאַסטישע, זיגרייכע אַרבעטער וועלן גיין פאָראויס פון זיגן אין דעם פאַרטיידיקונג־קאַמף צו דער אָפענסיווע, און ענדלעך צום סאָציאַליזם. יעדע שטאַרקע פאַרטיידיקונג גייט איבער פון זיך אַליין צום אַנגריף. אָפּשטעלן דעם צוריקגאַנג מיינט שוין צוצוגרייטן דעם פאָראויסמאַרש. די מפּלה פון דעם פאַשיזם איז דער ערשטער פאָרבאַדינג פאַר דעם זיג פון סאָציאַליזם.

נאָרמאַן טאָמאַס, און אַלע יענע וועלכע דענקען אַזוי ווי ער, וואָלטן וועלן איבערדרייען די דאָזיקע פאָרמולירונג; זיי וואָלטן וועלן זאָגן, אַז דער זיג פון סאָציאַליזם איז דער ערשטער פאָרבאַדינג פאַרן זיג פון פאַשיזם. אַף אַזאַ אופן וואָלטן זיי פאָדערן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אַז קיינעם זאָל ניט דערלויבט זיין אַריינצוטרעטן אין דעם אַנטי־פאַשיסטישן פראָנט סיידן ער זאָגט זיך פריער אַרויס פאַרן סאָציאַליזם. אין לעבן גופא זיינען די רעזולטאַטן פון דעם באַוויזן געוואָרן אין די וואַלן, ווען טאָמאַס האָט דורך זיין פּאָליטיק רעדוצירט די סאָציאַליסטישע שטים־צאָל צו צוואַנציק פּראָצענט פון דער צאָל אין 1932, און צו אַ קליינעם טייל פון דעבס'עס שטימען מיט 32 יאָר צוריק, ווען די צאָל פון שטימענדיקע איז געווען ווייניקער ווי אַ דריטל אין פאַרגלייך מיט דער איצטיקער צייט. אַזאַ וועג איז געוויס ניט אַ וועג

פון איבערגאַנג צום סאָציאַליזם. איך וויל אייך געבן אַ ציטאַטע פון לענינ׳ען און איך רעקאָמענדיר דאָס צו דער אויפמערקזאַמקייט פון נאָרמאַן טאָמאַס׳ן. אינעם „קאָמוניזם פון לינקן פליגל״, האָט לענין געזאָגט:

„צו פאַרבינדן זיך די הענט פריער אויס, זאָגן אָפּן דעם שונא, וועלכער איז איצט בעסער באַוואָפנט ווי מיר זיינען, צי, און ווען, מיר וועלן אים באַקעמפן, איז אידיאָטיש, ניט רעוואָלוציאָנער. אָנצונעמען אַ שלאַכט אין אַ צייט, ווען עס איז באַשיינפערלעך, אַז זי איז גינסטיק פאַרן שונא און ניט פאַר אונז, איז אַ פאַרברעכן; און יענע פּאָליטיקער פונעם רעוואָלוציאָנערן קלאַס, וועלכע זיינען ניט אומשטאַנד צו מאַנעווורירן, צו מאַכן קאָמפּראָמיסן כדי אויסצומיידן אַ באַשיינפערלעכע אומגינסטיקע שלאַכט, טויגן אַף כפּרות.״

ווען מיר ווייזן צוריק דעם „עקסטרעמיזם״ פון נאָרמאַן טאָמאַס׳ן (אַן עקסטרעמיזם אין ווערטער, איילן מיר זיך צו־צוגעבן, ווייל מיר וואָלטן אים קיינמאָל ניט באַשולדיקט, אַז ער איז עקסטרעם אין טאַטן), רעקאָמענדירן מיר אים ניט, אַז ער זאָל זיך אומקערן צו זיינע פריערדיקע שפּיל־חברים פון דער אַלטער גוואַרדיע מיט איר אָפּאָרטוניזם אין פּרינציפּ און מיט איר קאָמפּראָמיטירן דעם סאַמע נאָמען פון סאָציאַליזם. די ברירה איז ניט צווישן דער אַלטער גוואַרדיע און דער קאָמוניסטישער פּאָזיציע, כאָטש עס וואָלט זיך אונז זייער וועלן זען ווי נאָרמאַן טאָמאַס קומט צו נעענטער צו אונזער מאַרקסיסטישער פּאָזיציע. די ברירה פאַר דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס האָט שוין געלאָזן אַף אייביק הינטער זיך די אַלטע גוואַרדיע, איז צי זי זאָל ווערן צעבראָכן און געשענדעט דורכן קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן טראָצקיזם, אָדער זי זאָל איבערגיין צו אַ לאָיאַלער און ערנהאַפטער מיט־אַרבעטערשאַפט אין אַ פאָלקס־פראָנט מיט אַלע פּראָגרעסיווע

און דעמאָקראַטישע כחות איבערן לאַנד, און מיטאַרבעטן מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אַזאַ פראָנט פאַר דער געמיינ־שאַפטלעכער פאַרטיידיקונג און פאָראויסמאַרש פון סאָציאַ־ליזם.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אַרבעט אַף דער באַזע פון דער דעמאָקראַטישער פּלאַטפאָרמע פונעם פאָלקס־פראָנט. אָבער מיר פאַרלירן בשום אופן נישט אונזער אייגענעם פּנים, און מיר פאַרגעסן זיך ניט די אויפגאַבע פון פאַרשטאַרקן די ראָלע פון אונזער פּאַרטיי אין דער באַוועגונג אַלס דעם סאַמע פאָר־געשריטענער און רעוואָלוציאָנערער טייל זיינער. אַרבעטנדיק אין דער מיטן פון אַ מאַסן־באַוועגונג, האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי די אויפגאַבע פון אויפבויען זיך אין אַ מאַסן־פּאַרטיי, פון דערציען די מאַסן אין זייערע ענדגילטיקע צילן פאַר דער מאַכט פונעם אַרבעטער־קלאַס און סאָציאַליזם, פון האַנדלען אַלס דער אַוואַנגאַרד אין דער באַוועגונג דורך אָנווייזן די ווייטערדיקע טריט אין דעם קאַמף, פון אונטערנעמען זיך צו זיין די ערשטע אין אונטערשטיצן די פּראָגרעסיווע און דעמאָקראַטישע פאָדערונגען און באַוועגונגען. דורך איר פולער זעלבסטשטענדיקער און פּאָליטישער פּאָזיציע, אין וועל־כער זי רעדט אָפנהאַרציק וועגן אַלע אישוס, וועגן אַלע גרופּן און פּאַרטייען, אין וועלכע זי קריטיקירט אַלע מאָס־מיטלען און דערשיינונגען, וואָס זיינען שעדלעך פאַר דער זאַך פון דער דעמאָקראַטיע, וועט זיך דאַרפן אונזער קאָמוניסטישע פּאַרטיי וואַכזאַם אָפּהיטן קעגן דער געפאַר פון אויפלייזן זיך אין דער אַלגעמיינער מאַסן־באַוועגונג, סיי אידעאָלאָגיש און סיי אָרגאַניזאַציאָנעל. דורך ווערן אַלץ מער און מער דער רעקרוטיר־צענטער פון די סאַמע פאָרגעשריטענע עלעמענטן פון דער באַוועגונג, ווערט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין דער זעלבער צייט די אונטערנעמענדיקע און אָרגאַניזירנדיקע קראַפט.

דערלויבט מיר דאָ ציטירן פון חבר דימיטראָוו'ן:

„און דאָ מוז קלאָר פאַרשטאַנען ווערן, אַז די פּראָלעטאַרישע איינהייט וועט וואָס גיכער דערגרייכט ווערן וואָס גרעסער עס וועלן זיין די דערפאָלגן אין איינשטעלן און קאָנסאָלידירן דעם פאַראייניקטן פאָלקס־פראָנט; וואָס שטאַרקער די קאָמוניסטישע פאַרטייען גופא וועלן ווערן אין צאָל, אָרגאַניזאַציאָנעל, און אידעאָלאָגיש, אַלץ מער וועלן זיי באַקומען דעם צוטרוי און שטיצע פון די בעסטע און וויכטיקסטע עלעמענטן פון דעם אַרבעטער־קלאַס און פון דער אַרבעטער־באַפעלקערונג בכלל.‟

די דאָזיקע ראָלע מוז ווערן אויסגעדריקט אין אונזער מאַסן־אַגיטאַציע, דורך זעלבסטשטענדיקע טעטיקייטן אין די סאַמע פאַרשיידנסטע פאָרמען, און אין דעם „דעילי וואָרקער‟. אַזאַ פאַרשטאַרקונג פון דער איניציאַטיווע און זעלבסשטענדיקע טעטיקייט פון אונזער פאַרטיי וועט דירעקט בייטראָגן צו דער דערפאָלגרייכער אַנטוויקלונג פונעם פאָלקס־פראָנט. פון דער צווייטער זייט, וועט בלויז די סאַמע מעכטיקסטע אַנטוויקלונג פון דער פאָלקס־מאַסן־באַוועגונג קאָנען שאַפן די גינסטיקע באַדינגונגען פאַר פאַרשטאַרקן די קאָמוניסטישע פאַרטיי.

מיר וואַרפן פולשטענדיק צוריק אַלע געדאַנקען, וואָס שטעלן אַוועק דעם אַרבעטער־קלאַס אין אָפּאָזיציע צו די אַלע אַנדערע קלאַסן־גרופּירונגען, פאַרמער, קליינבירגער, וועלכע באַוועגן זיך אין דער ריכטונג פון דעם פאָלקס־פראָנט. אַזעלכע געדאַנקען זיינען פונדאַמענטאַלע גאַנגבאַרע געדאַנקען פון די טראָצקיסטישע ברעכער און שטערער, אָבער זיי באַאיינפלוסן אויך נאָך פיל, ספּעציעל צווישן די ערשט־ראַדיקאַליזירטע אינטעלעקטואַלן, וועלכע ווערן די סאַמע אייפערדיקסטע קעמפער פון די אַרבעטער קעגן דער בורזשואַזיע. דאָס מיינט ניט, אַז מיר לאָזן אַרויס פון אויג די אַנטשיידנדיקע ראָלע פון די אַרבעטער. די הויפּט סטראַטעגישע אויפגאַבע פון אונזער

פּאַרטיי איז די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אָרגאַניזירונג און פּאַראײנהײטלעכונג פונעם אַרבעטער־קלאַס אין די פּאַראײניק־טע שטאַטן. דאָס איז דער פונדאַמענטאַלער, סאַמע וויכטיק־סטער פאַקטאָר אינעם פאָלקס־פראָנט פאַרן קאַמף קעגן מלחמה און פאַשיזם. בלויז מיט דעם גראַד פון דערגרייכן די דאָזיקע אויפגאַבע קאָנען מיר מעסטן די מעגלעכקייטן פון דעם ברייטערן פאָלקס־פראָנט.

אויסגעהאַלטענע אויפמערקזאַמקייט צו דער אַנטוויקלונג פונעם פאָלקס־פראָנט

אָט פונעם דאָזיקן ווינקל שטרייכן מיר ווידער אונטער די נויטווענדיקייט פאַר אַ כסדר'דיקער אויפמערקזאַמקייט אין אַנטוויקלען די געהעריקע באַציאונגען מיט דער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי. מיר האַלטן כסדר אין רופן אומעטום אונזער פּאַרטיי צו אַקטיווער אַרבעט אין איינשטעלן דעם פאַראײניקטן פראָנט אין לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס און מיט אַלע ערלעכע עלעמענטן אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. מיר מוזן זיי העלפן אויסצורייניקן זייערע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי־רייען פון אַלע די, וואָס העלפן דעם פאַשיזם, פונעם קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן טראָצקיזם. מיר רוקן אַרויס די עטאַבלירונג פונעם פאַראײניקטן פראָנט צווישן דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און דער קאָמוניסטישער אַלס איינעם פון די סאַמע וויכטיקסטע פאַרבאַדינגען פאַר אײניקייט אין דעם אַרבעטער־קלאַס. אונטערשאַצן די דאָזיקע אויפגאַבע קאָן בלויז זיין שעדלעך צו דער זאַך פון אַרבעטער־קלאַס־אײניקייט. יעדער דיסטריקט און לאָקאַל פון אונזער פּאַרטיי מוז שענקען דער דאָזיקער אויפגאַבע אומדערמידלעכע אויפמערקזאַמקייט. דער היינטיקער פּלענום מוז נאָכאַמאָל איבערטראַכטן די פּראָבלעמען פונעם פאַראײניקטן פראָנט אין דער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי, וואָס ניט קוקנדיק אַף אַלע שטרויכלונגען, האָט ער דאָך געמאַכט פּראָגרעס. אָן אמת'ער אויפשוואונג

פון דער מיטגלידערשאַפט אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי צו רייניקן זיך פונעם טראָצקיזם האַלט איצט אין אָנגיין. די לעצטע פּאַסירונגען, אין וועלכע דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט איינגעשטימט אויף אַ קאָנפערענץ מיט דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין דער פראַגע פון העלפן שפּאַניע, מוז דינען אַלס מיטל צו פאַרשטאַרקן אונזערע באַציאונגען מיט די סאָציאַליסטן.

צווישן די פילפאַכע אָרגאַניזירטע אויסדרוקן פון דער אָנוואַקסנדיקער באַוועגונג אין דער ריכטונג פון איינִיקייט, פאַרנעמט אַלץ מער און מער אַ וויכטיקע ראָלע די „אינטערנעשאָנאַל לייבאָר דעפענס”. אירע היסטאָרישע זיגן אין די רע דזשאָנג און הערנדאָן אורטיילן, די צאָללאָזע לאָקאַלע זיגן אין פאַלן פון וויכטיקער לאָקאַלער ארבעט, דער פאַרצוויגענער קאַמף פאַר די סקאָטסבאָראָ באָיס, די פאַרשטאַרקונג פון דער מוני־בילינגס קאַמפּאַניע, דער קאַמף פאַר מעקנאַמאַראַ, און מיר דערמאָנען דאָ בלויז איינִיקע פאַקטאָרן — האָבן באמת פעסט פאַראַנקערט די „איי. על. די.” אין די הערצער פון בוכשטעבלעך מיליאָנען מענטשן. בא אונז איז דאָ אַ טענדענץ אונטערצושאַצן די ענערגישע הילף, וואָס די „איי. על. די.” גיט די שטאָל־ארבעטער. די הילף פון דער „איי. על. די.” פאַר די סטרייקער, וואָס זיינען אַטאַקירט געוואָרן אין די געריכטן פון שיקאַגאָ, אַלס אַ נאָכווייעניש פון דער שחיטה דעם 31טן מאַי, איז ווארעם אויפגענומען געוואָרן, און ווייזט ווי אומעטום קאָן די „איי. על. די.” שנעל ווערן אַ וויכטיקע הילף פאַר די טרייד־יוניאָנס אַזוי גוט ווי פאַר דער אַלגעמיינער פּראָגרעסיווער באַוועגונג.

לײדער מוזן מיר זאָגן, אַז די קאָמוניסטן שאַצן ניט אָפּ ווי געהעריק די „איי. על. די.” און די ארבעט, וואָס זי טוט, אַזוי ווי עס שאַצן זי אָפּ די ניט־קאָמוניסטן. די „איי. על. די.” ווערט הויפּטזאַכלעך אומעטום אָנגעהאַלטן פון די ניט־קאָמוניסטן, וואָס פון איין זייט איז עס זייער גוט; אָבער עס

ווערט זייער שלעכט, ווען אָט די דאָזיקע ניט־קאָמוניסטן פילן, אַז מיר, פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, זיינען ניט פאַר־אינטערעסירט און מיר העלפן זיי ניט ווי מיר וואָלטן זיי דאַרפן העלפן. בעת מיר דאַרפן העלפן אַלץ מער און מער איינצושטעלן די „איי. על. די.‟ אַלס אַ פּאַראייניקטער פראָנט פאַר פאַרטיידיקונג און אַלס אַן אָרגאַניזאַציע פון סאָלידאַריטעט, וואָס באַשטייט מערסטנטייל פון ניט־קאָמוניסטן, מוזן מיר עס האַלטן פאַר אַבסאָלוט נויטיק, אַז אונזער פּאַרטיי זאָל פאַרשטאַרקן איר הילף פאַר דער „איי. על. די.‟, וואו אין פיל פּלעצער ווערט עס גוואַלדיק פאַרנאַכלעסיקט. די קאָנפערענץ אין וואַשינגטאָן פון דער „איי. על. די.‟, וואָס גייט איצט אָן, פאַרצייכנט מיט זיך אַ גרויסן טריט פאָראויס פאַר דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע און זי מוז ברייט פּאָפּולאַריזירט ווערן אין די פּאַרטיי־רייען אַזוי גוט ווי צווישן די מאַסן. חבר׳טע אַנאַ דעמאָן, אַלס שטעל־פאַרטרעטערין פון סעקרעטאַר פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע, האָט אויפגעטאָן, מיט אַן אמת, אַ לויבנסווערטע אַרבעט. זי מוז איצט ווערן אויסגעברייט נאָך ענערגישער. די באַציאונגען פון דער „איי. על. די.‟ מיט אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין בירגער־רעכט און אין הילף פאַר די קרבנות פון אונטערדריקונג, מוז אַנטוויקלט און קאָנסאָלידירט ווערן אַלס אַ וויכטיקע אויפגאַבע פון אונזער פּאַרטיי.

2. די טרייד-יוניאָן פראַגע און דער קאַמף פאַר איינקייט

אין אונזער דעצעמבער־פּלענום האָבן מיר שוין געגעבן אַ פונדאַמענטאַלע אָפּשאַצונג פון דער היסטאָרישער וויכטיקייט פון דער סי. אַי. אָ. אונטער דער פירערשאַפט פון דזשאַן ל. לואיס, אַן אָפּשאַצונג, וואָס די לעצטע פּאַסירונגען האָבן נאָך מער אונטערגעשטראָכן. מיר האָבן געזאָגט:

„דער קאַמף פאַר אמת'ער טרייד־יוניאָן איינקייט איז דער קאַמף פאַרן זיג אין דער אַרבעטער־באַוועגונג גופא, פון די פּרינציפּן, וואָס זיינען דערקלערט געוואָרן און פאַקטיש אונטערשטיצט געוואָרן דורך דער סי. אַי. אָ. די עטאַבלירונג פון דעם דאָזיקן פּרינציפּ איז אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיקייט פאַרן ווייטערדיקן וואוקס, און ענדלעך, פאַר דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ פון דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג. עס איז אַ נויטיקער באַדינג פאַר דער אָפּהיטונג פון דעמאָקראַטיע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, פאַר דער דערלייזונג פון אונזער לאַנד פון רעאַקציע, פאַשיזם און מלחמה. דאָס איז די אורזאַך פאַרוואָס מיר מוזן זאָגן אַז דער מינדעסטער צוריקהאַלטונג, אַז דער קאַמף פון פאַר־ווירקלעכן די פּרינציפּן פון דער סי. אַי. אָ. איז די ערשטע פאָדערונג פאַר יעדן פּראָגרעסיוון אַרבעטער, אַזוי גוט ווי פאַר יעדן רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער. דאָס איז דער קאַמף פאַר דער איינקייט פונעם אַרבעטער־קלאַס." *)

---

*) אוירל בראַודער, „די רעזולטאַטן פון די וואַלן און דער פאָלקס-פראָנט", זייט 37. וואָרקערס לייברערי פּאָבלישערס, ניו יאָרק. 10 סענט.

דער אויפשטייג פון דער סי. אי. אָ., און די קאַמפּן וואָס זי פירט, באַרעכטיקן אונז פולשטענדיק ווען מיר גיבן־צו צו דער פונדאַמענטאַלער אָפּשאַצונג, אַז די סי. אי. אָ. שטעלט מיט זיך פאָר די דערשיינונג פון אַ באַוואוסטזיניקן אַרבעטער־קלאַס אינעם אַמעריקאַנער לעבן. דער דאָזיקער פאַקטאָר, וועמעס אָפּוועזנהייט אין דער פאַרגאַנגענהייט איז געווען דער צענטראַלער פאַקטאָר פאַר דער לאַנגזאַמער רייפלעכקייט פון די פונדאַמענטאַלע פּאָליטישע איבערגרופּירונגען איבערן לאַנד, איז פון הויפּט וויכטיקייט אויף אַלע געביטן. זי איז דעריבער אַלץ מער אַנטשיינדנדיקער אויף איר דירעקטן אַר־בעטס־געביט — די עקאָנאָמישע אָרגאַניזירונג פון די אַר־בעטער, ספּעציעל אין די גרונט־ און מאַסן־פּראָדוציר־אינ־דוסטריעס, וואָס זיינען אַזוי לאַנג געווען די אומבאַזיגבאַרע פעסטונגען פון מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל און פון פּאָליטישער רעאַקציע.

דער שאַנדהאַפטיקער און עקשנות׳דיקער ווידערשטאַנד צו אַט דער דאָזיקער סאַמע פּראָגרעסיווסטער אַנטוויקלונג מצד דעם עקזעקוטיוו־קאָונסיל פון דער א. פ. אָוו ל. איז איצט איבערגעגאַנגען צו אַן אָפּענער שפּאַלטונג איבער דער גאַנצער יוניאָן־באַוועגונג, צו סטרייק־ברעכעריי און סאַבאָטאַזש, און צו אַן אָפּענער מיטאַרבעט מיט די באַלעבאַטים קעגן דער סי. אי. אָ.

צוליב דער דירעקטער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון וויליאַם גרין און פונעם עקזעקוטיוו־קאָונסיל, קעגן דער עקשנות׳דיקער פּאָזיציע פון אַלע פּראָגרעסיווע אַרבעטער, איז געבראָכן גע־וואָרן די איינִיקייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, און עס זיינען אַנטשטאַנען צוויי קעגנזעצלעכע צענטערס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אַ פּראָגרעסיווער און אַ רעאַקציאָנערער. די שטעלונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז שטענדיק געווען קלאָר, און בלייבט אַזוי, צו באַקעמפן מיט אַלע מיט־לען די שפּאַלטונג־פּאָליטיק פון דעם עקזעקוטיוו קאָונסיל,

אויפצוהאַלטן די אייניקייט פון די טרייד־יוניאָנס און זייערע ראַטן, און אונטערשטיצן מיט אַלע כחות די אָרגאַניזירונג פון אַלע אַרבעטער אין די יוניאָנס פון דער סי. אַי. אָ. אַלס דער הויפּט אָרגאַניזיר־צענטער פון דעם אַמעריקאַנער אַרבעטער־קלאַס. מיר וועלן פאַרזעצן צו געבן אונזער פולסטע אויפמערקזאַמקייט אַף אַריבערגעווינען די א. פ. אָוו ל. יוניאָנס צו דער דאָזיקער פּאָזיציע.

מיר קאָמוניסטן זיינען אַ קליינער, כאָטש וויכטיקער טייל פון דער דאָזיקער גרויסער מאַסן־באַוועגונג. מיר גיבן אַוועק אַלע אונזערע בעסטע כחות און מאָביליזירן אַלע אונזערע אָרגאַניזאַציעס צו העלפן אין דער אַרבעט פון דער סי. אַי. אָ. מיר פאָדערן אויף דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס צו טאָן די זעלבע זאַך. די פאַרזוכן פון די באַלעבאַטים צו צעטיילן די דאָזיקע באַוועגונג, דורך דעם אַלטן באַקאַנטן „רויטן הערינג״, מיט וועלכן זיי פּרואוון זיך באַנוצן אַפילו קעגן רוזוועלט׳ן, זיינען מיאוס דורכגעפאַלן. די פירער פון דער סי. אַי. אָ. האָבן גענומען זייער שטעלונג אַף דער באַזע פון פול באַנוצן זיך מיט אַלע פּראָגרעסיווע כחות אָן שום אויסנאַם, און אָן דיסקרימינאַציע בנוגע פּאָליטישע איבערצייגונגען, וואָס זיינען אויסער דעם אומפאַנג פון די אויפגאַבן פון דער סי. אַי. אָ. מיר קאָנען דערוואַרטן, אַז די דערפאַרונג האָט אַף אַ פולן אופן באַשטעטיקט זייער שטעלונג, און אַז די לאָיאַלע און ווירקזאַמע מיטאַרבעט פון די קאָמוניסטן האָט אַף אַ פולן אופן געוואונען אונזער פּאָזיציע אַלס פּראָמינענטע מיטאַרבעטער אין דער גרויסער אויפגאַבע פון בויען אַ מעכטיקע טרייד־יוניאָן באַוועגונג. פון טאָג צו טאָג ווערט אַלץ די „רויטע אָנשרעקעניש״ אַלץ ווייניקער ווירקזאַם, און וועט אין גיכן ווערן אומעטום אָנערקענט אַלס אַן אומצווייפלבאַרער סימן פון אַ ליבערטי־ליגער און פון דעם פאַשיסט.

די גאַנצע צוקונפט פון דער באַוועגונג פאָדערט פון אַלע פּראָגרעסיווע און מיליטאַנטע אַרבעטער צו קאָנסאָלידירן די

דאָזיקע איינהייט, צו געווינען דעם צוטרוי און גלויבן פון די מיליאָנען אַרבעטער, וואָס ווערן אַריינגעצויגן אין איר, דורך זייער לאָיאַלער, ווירקזאַמער און זעלבסט־זיך־אָפּגעגעבענער איבערגעגעבנקייט צו איר דערפּאָלג.

עס איז נויטיק צו טאָן יעדע זאַך און העלפן אַנטוויקלען די אינעווייניקסטע יוניאָן־דעמאָקראַטיע, וואָס וועט דינען אויף דערהויבן צו די פירנדיקע קערפּערשאַפטן פון די יוניאָנס די סאַמע בעסטע, לאָיאַליסטע און פּייאַקסטע עלעמענטן, וואָס וועלן צושטעלן די בעסטע גאַראַנטיע פאַר דער אַנטוויקלונג פון די דאָזיקע יוניאָנס, לויט דער פּאָליסי פונעם קלאַסן־קאַמף.

יעדער קאָמוניסט, פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט ביז די יוניטס, דאַרף זיך פאַרנעמען יעדן טאָג מיט קומען אין אַן ענגן און נאָענטן קאָנטאַקט מיט די נייע מיליטאַנטע און ערלעכע אַקטיוויסטן אין די טרייד־יוניאָנס, וואָס רוקן זיך איצט אַרויס אין די הונדערטער און טויזנטער. בײַ דעם איז נויטיק די סאַמע חבר'שע און געדולדיקע דערציאונגס־אַרבעט, וואו אונזערע פּאַרטיי־חברים וועלן לערנען פון זיי און פון דער צווייטער זייט זאָלן אונזערע חברים זיי העלפן אין זייער פּראַקטישער אַרבעט, אַנטוויקלען זייער קלאַסן־באַוואוסטזיין און פּאָליטישע רייפקייט, געבן זיי דעם בענעפיט פון דער קאָלעקטיווער דערפאַרונג פון דער גאַנצער באַוועגונג. דאָס מוז זיין דער אַנטשיידנדיקער הערשנדיקער שטריך פון אונזערע פּאַרטיי־קאָנטאַקטן און אַרבעט אין דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג.

אינגאַנצן גענומען אַרבעט אונזער פּאַרטיי גוט אויף דער דאָזיקער ליניע. אָבער מיר טאָרן ניט האָבן די אילוזיע, אַז אַלץ איז גוט אומעטום און אין אַלע ציטן. צומאָל זעען מיר אַנטוויקלונגען, וואָס פאַראורזאַכן בײַ אונז אַן אומרואיקייט, ווען חברים טראָגן אַרויס שנעלע אורטיילן אין געוויסע פראַגן פון טרייד־יוניאָן פּאָליטיק, דענקען, אַז די טרייד־יוניאָן פירער

האָבן געמאַכט אַ טעות אָדער האָבן געמאַכט אומנויטיקע קאָמפּראָמיסן אין די פֿאָדערונגען פֿון די אַרבעטער, און פֿון דעם שלום גייען זיי גלייך אַריבער אין אַ צוזאַמענשטויס מיט די דאָזיקע פֿירער און מיט די אַרבעטער, וואָס פֿאָלגן זיי נאָך. מיר האָבן געהאַט געפֿערלעכע מאָמענטן פֿון דעם דאָזיקן מין אין דעם דעטראָיטער דיסטריקט אין פֿאַרבינדונג מיט דעם קרייזלער־סטרייק. מיר האָבן געגעבן אונזער פֿולשטענדיקע אָנערקענונג דער אַרבעט פֿון אונזערע פּאַרטיי־כוחות אין יענעם סטרייק. זיי האָבן געטאָן אויסגעצייכנטע אַרבעט. זיי האָבן געראַטעוועט דעם סטרייק. אָבער מיר מוזן דאָ אָפֿן רעדן וועגן אייניקע טעות'ן. מיר מוזן רעדן וועגן דעם אָפֿן, אַלס אַ לעקציע פֿאַר דער גאַנצער פּאַרטיי, כּדי צו פֿאַרמיידן אַזעלכע געפֿאַרן. מיר זיינען אַ פֿולשטענדיק פֿאַראַנטוואָרט־לעכע פּאַרטיי, און אונזערע סאָב־אָפּטיילונגען און פֿראַקציעס נעמען ניט אונטער זעלבסטשטענדיק קיין שום אַקציעס, וואָס באַדראָען צו ענדערן אונזער גאַנצע נאַציאָנאַלע צווישנ־באַציאונג מיט אַ גרויסער און וואַקסנדיקער מאַסן־באַוועגונג. ווי עס האָט אָבער פּאַסירט, אינעם דאָזיקן באַזונדערן פֿאַל, האָבן אונזערע חברים געמאַכט אַ טעות, דענקענדיק, אַז זיי האָבן געזען אומדערלאָזבאַרע קאָמפּראָמיסן און פֿאַלשע מעטאָדן אין דער שליכטונג פֿון דעם קרייזלער־סטרייק. אַזאַ סיטואַציע איז דאָרט ניט געווען. דאָרט האָט זיך בלויז גע־האַנדלט וועגן אַ צווייט־קלאַסיקער פּראָבלעם, וועגן דער אומ־געדולדיקייט פֿון געוויסע פֿירער אין זייערע פֿאַרהאַנדלונגען מיט דער „רענק און פֿייל". אָבער אויב אַפֿילו זייער מורא וואָלט האָבן אַ סאָלידערן פֿונדאַמענט, וואָלט אויך געווען נוי־טיק אָנצוגיין מיט פֿיל מער טאַקט, פֿאָרזיכט און באַטראַכטונג באַם נעמען אַ שטעלונג אין אַזעלכע פֿראַגן. מיר נעמען אַף זיך ניט אָפּצושאַצן אַליין און איזאָלירט אַזעלכע שווערע און קאָמפּליצירטע טרייד־יוניאָן פּראָבלעמען; נאָר בלויז אַף דער באַזע פֿון די פֿולסטע און אָפֿנהאַרציקסטע דיסקוסיעס

מיט אונזערע פֿאַרבינדעטע חברים פֿון די אַלגעמיינע טרייד־יוניאָן טעטיקייטן, אַף דער באַזע פֿון טרייד־יוניאָן דעמאָ־קראַטיע.

אונזער לאַנד געפֿינט זיך איצט אין מיטן פֿון אַן אויפֿ־געהויבענער שלאַכטן־כוואַליע פֿאַר די רעכט פֿון אַרבעטער־אָרגאַניזירונג און קאָלעקטיוון דינגען זיך, אַזאַ וואָס מיר האָבן נאָך קיינמאָל ביז איצט ניט געזען. דער לויף פֿון דער דאָזיקער קאַמפּאַניע וועט זיין אַנטשיידנדיק פֿאַר דער גאַנצער צוקונפֿט פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט און פֿון אונזער לאַנד. אונזער שטעלונג און אונזער אַרבעט אין דעם מיטן פֿון דעם דאָזיקן קאַמף מוז זיין זייער ניכטער און פֿאַראַנטוואָרטלעך.

די אַרבעטערשאַפֿט בכלל, וואָס שליסט איין ניט־קאָמו־ניסטן, וואָס גייען־צו צו דער פֿראַגע מיט אונזערע אייגענע סטאַנדאַרדס, האָבן יעדע אורזאַך צוצוגיין צו די באַזונדערע אויפֿגאַבן און פּראָבלעמען, וואָס שטייען פֿאַר זיי, מיט גרויס צוטרוי אין דער סטראַטעגישער ליניע פֿון דער סי. אַי. אָ.־פֿירערשאַפֿט און פֿון דזשאָן ל. לואיס. דער אינצידענט אינעם קרייזלער־סטרייק אילוסטרירט און שטרייכט אונטער דעם דאָזיקן פֿאַקט. דאָס איז געוועזן איינע פֿון די צוגרייטונגס־שלאַכטן, וואָס האָבן געפֿירט צו דער גרויסער קאַמפּאַניע אין וועלכער מיר זיינען איצט פֿאַרנומען. אויב מיר אַליין זאָלן צוגיין צו דעם אָדער צו וועלכן עס איז אַנדערן איינצעל־נעם קאָנפֿליקט, איזאָלירט פֿון דעם אַלגעמיינעם לויף פֿון פּאַסירונגען, פּרואוונדיק אורטיילן פֿון אַ אידעאַלער פֿאַר־שטעלונג, וואָס מיר וואָלטן וועלן זען און ניט וואָס די צווישנ־באַציאונגען פֿון כחות פֿאָדערן אין דעם גאַנצן נאַציאָנאַלן צוזאַמענשטעל, וואָלטן מיר דעמאָלט האָבן אַ צעקריפּלטן בליק, וואָס וואָלט אומפֿאַרמיידלעך געבראַכט אַלס רעזולטאַט ערנסטע טעות'ן. די סטראַטעגיע פֿון דער סי. אַי. אָ. האָט באַוויזן דורכן לעבן גופֿא, אַז זי איז פֿונדאַמענטאַל געזונט און ריכטיק. מיר געפֿינען, אַז זי פֿאַלט זיך צוזאַמען מיט דעם,

וואָס מיר האָבן זעלבסטשטענדיק אָפּגעשאַצט אַלס אַ ריכטיקע סטראַטעגיע. ס'איז דאָ גענוג פּלאַץ פאַר געזעצלעכע מיינונגס־פֿאַרשיידנהייטן אין דעטאַלן פֿון טאַקטיק און אויספֿירונג; אָבער עס איז נישט אונזער געשעפֿט אַריינצופֿאַלן אין וועלכער עס איז טענדענץ פֿון „סנייפֿן" אַף ניט־וויכטיקע פֿראַגן, און מיט דעם העלפֿן באַשאַפֿן אַן אַטמאָספֿערע פֿון זוכן חסרונות און צאַנקערייען. די גאַנצע ליניע פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז געווען, מוז בלייבן, און מוז ווערן אומעטום אַ ליניע פֿון צוטרוי און פֿולהאַרציקער קאָלאַבאָראַציע אין דער אַרבעט מיט אַלע פּראַגרעסיווע...

דער אַרבעט מיט אַלע פּאַראַנטוואָרטלעכע פֿירנדיקע עלעמענטן און מיט די רענק און פֿייל אַקטיוויסטן, וואָס שטעלן מיט זיך פֿאַר דעם הויפּט־קערן אין דער דאָזיקער גרויסער היסטאָרישער באַוועגונג פֿון דער סי. אַי. אָ. אַ מוסטער פֿון אַ פֿאַרקערטן צוגאַנג צו דער דאָזיקער פֿראַגע איז די טענדענץ פֿון דער ס. פּ. אונטער דעם איינפֿלוס פֿון די טראָצקיסטן, וואָס איזאָלירט אַלץ מער און מער די סאָציאַליסטן אין דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג. איך האָב ערשט היינט אינדערפֿרי דערהאַלטן אַ טרייד־יוניאָן רעזאָלוציע, וואָס איז דורכגעפֿירט געוואָרן אַף דער ס. פּ. קאָנווענשאָן אין מאַסאַטשוזעטס וועגן דער טרייד־יוניאָן פֿראַגע. דערלויבט מיר צו לייענען זי פֿאַר אייך אַלס אַ שרעקלעכן ביישפּיל, וואָס מיר דאַרפֿן אויסמיידן אַף דעם טרייד־יוניאָן געביט. די רעזאָלוציע לייענט זיך:

„די פּאַרטיי מוז זען צו אימוניזירן די אַרבעטער קעגן פֿאַרלאָזן זיך אַף דער רעאַקציאָנערער טרייד־יוניאָן ביוראָקראַטיע. מען דאַרף געדענקען, אַז מיר קאָנען זיך ניט פֿאַרלאָזן אַף באַאמטע פֿון דער סי. אַי. אָ., אַז זיי זאָלן באַזאָרגן די ריכטיקע פֿירערשאַפֿט פֿאַר די פּראָגרעסיווע כחות אין די טרייד־יוניאָנס. בלויז דורך אַ צופֿאַל אין דער געשיכטע דערשיינען ציטווייליק דזשאַן ל. לואיס און זיינע חברים, ווי נאָמינעלע פֿאַרטרעטער פֿון די פּראָגרעסיווע כחות, דורך איינשטעלן זיך פֿאַר דעם וואָס עס

זיינען אין דער איצטיקער צייט פּראָגרעסיווע פּאָליסים.
דער דאָזיקער צופאַל איז בשום אופן ניט קיין שטענדיקער.
מיר מוזן פאַרשטיין, אַז די דאָזיקע ביוראָקראַטיע שטעלט
זיך איין פריער פון אַלץ פאַר דער אויפהאַלטונג פון קאַפּי־
טאַליזם און פאַר אונטערדריקן די רעוואָלוציאָנערע אַנט־
וויקלונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג."

די גרויסע שלאַכטן צו יוניאָניזירן די שטאָל־אינדוסטריע זיינען דער סאַמע צענטער היינט־צו־טאָג פונעם אַמעריקאַנער לעבן. אין די דאָזיקע שלאַכטן ווערט אויסגעקעמפט דער שיקזאַל פון אונזער לאַנד, פון אונזער דעמאָקראַטיע. אַזוי לאַנג ווי די רעאַקציאָנערע שטאָל־באַראָנען, די דאָזיקע פּראָטאָ־טיפּן פון די עקאָנאָמישע ראָיאַליסטן, די דאָזיקע פעאָדאַליסטן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, קאָנען זיך שטעלן קעגן דעם געזעץ, וואָס באַשטעטיקט די רעכט אַף קאָלעקטיוון דינגען זיך, קאָנען אויפהאַלטן זייערע אייגענע אַרמייען און אַרסענאַלן און סובאָרדינירן די לאָקאַלע אַדמיניסטראַציעס און פּאָליציי, קאָנען רעקרוטירן און באַוואָפענען פאַשיסטישע ווידזשילאַנטי באַנדעס — און דאָס אַלץ כדי צו צעשמעטערן דורך צוואַנג און גוואַלד די איינפאַכע פאָדערונגען פאַר אָרגאַניזירונג און קאָלעקטיווע קאָנטראַקטן אין דער שטאָל־אינדוסטריע — אַזוי לאַנג איז יעדע בירגערלעכע און פּאָליטישע פרייהייט אין שטענדיקער און באַלדיקער געפאַר אין אַמעריקע. דער דאָזיקער קאַמף איז ניט קיין איינפאַכער טרייד־יוניאָן קאַמף פון די שטאָל־אַרבעטער. דאָס איז אַ שלאַכט פון אַלע פּראָגרעסיווע און דעמאָקראַטישע מענטשן צו פאַרזיכערן די צוקונפט פון דעמאָקראַטיע אין אַמעריקע. עס איז צווישן אונזערע אויפ־גאַבן צו מאָביליזירן אַלע אַזעלכע מענטשן אַרום, און אין שטיצע פון דעם, שטאָל־סטרייק.

ווי ווייט די פאַשיסטישע פאַרצווייפלונג פון די שטאָל־באַראָנען קאָן דערגרייכן, האָבן מיר שוין געזען אין שיקאַגאָ אין דער שחיטה פון דעם 31טן מאַי. די פּאָליציי און באַ־

וואפנטע וועכטער האבן פראסט פשוט גענומען שיסן אף אן אומבאוואפנטער פראצעסיע פון שטאל־פיקעטס, וואס האבן מארשירט מיט זייערע ווייבער און קינדער. די ליסטע פון די טויטע איז שוין איצט 9, מיט הונדערטער פארוואונדעטע, איינגעשלאגן פרויען און קינדער. דער גייסט, וואס האט צוגעגרייט די דאזיקע ביקסן און האט געגעבן דעם ארדער צו שיסן, איז אין גייסט פון דער בארבארישקייט, וואס פראנקא באגייט איצט אין שפאניע, אין גייסט פון די איטאליענישע סאבמארינען, וואס זינקען שפאנישע שיפן, פון די נאצי־שלאכט־שיפן, וואס באמבאדירן אלמעריע, פון היטלער׳ס עראפלאנען, וואס פארניכטן גערניקא. די שטאל־באראנען העצן אויף, ארגאניזירן, און פינאנסירן אלע אנטי־סאציאלע, פארברעכערישע אונטערוועלט־עלעמענטן, און גיסן זיי צוזאמען מיט די רעאקציאנערע אוואנטוריסטן פון דער בורזשואזיע אין דעם צוזאמענמיש וואס איז טיפיש פארן פאשיזם איבער דער גאנצער וועלט.

אלע לעבעדיקע כחות פון דער דעמאקראטיע היינט צו טאג אין אמעריקע מוזן דעריבער אויפגעזאמלט ווערן אף שטיצן די שטאל־סטרייקערס אין זייער קאמף. די גאנצע באפעלקערונג מוז ווערן אויפגעוועקט און מאביליזירט אלס פארבינדעטע און העלפער. יעדע שטיצע מוז געגעבן ווערן די אנשטרענגונגען פון די פירער פון דער סי. אי. א. אריינצוברענגען רעזערוון אין אקציע, אין די קוילן־ און מעטאל־פעלדער, און אין טראנספארטאציע. אלע ארבעטער־ארגאניזאציעס פון יעדן מין מוזן מאכן, אז זייערע שטימען זאלן געהערט ווערן און אז זייערע הענט זאלן זיך הויבן אין שטיצע פון די שטאל־סטרייקער. יעדע קירכע און בירגערלעכע ארגאניזאציע מוז אויפגעפאדערט ווערן ארויסצוזאגן זיך און האנדלען קעגן די געזעצלאזע ראיאליסטן פון שטאל. די שטאל־ארבעטער קעמפן דעם קאמף פונעם פאלק; דעריבער מוז א פאלקס־באוועגונג זיי קומען צו הילף.

אינעם דאָזיקן קאַמף ליגן גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן אויף דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. מיר זיינען אַ קליינע פּאַרטיי, אָבער מיר שפּילן אַ גרויסע און וואַקסנדיקע ראָלע. דאָס וואָס מיר דענקען, דאָס וואָס מיר זאָגן, און ספּעציעל דאָס וואָס מיר טוען, האָט אַן איינפלוס אַ הונדערט מאָל אַזויפיל, פינף הונדערט מאָל אַזויפיל אויסער די רייען פון אונזער מיטגלידערשאַפט. גרויסע שיכטן פון דער באַפעלקערונג לאָזן זיך פירן פון דעם, וואָס זיי זעען, ווי אונזער פּאַרטיי טוט. אויב מיר זאָלן זיך צוריקציען און לאָזן די אויפגאַבע צו אַנדערע, וועלן פיל פון די דאָזיקע אַנדערע ציען דעם שלוס, אַז אויב די קאָמוניסטן געפינען דאָס ניט פאַר וויכטיק, קאָנען זיי אַליין אויך זיכער דורכלאָזן די זאַך צוליב אַנדערע זאַכן. אונזער ביישפּיל איז אַ גרויסער און וואַקסנדיקער איינפלוס צווישן די ברייטע מאַסן. מיר מוזן ווייזן אַ גוטן און אַ בעסערן ביישפּיל היינט צו טאָג אין דער שטאָל־אינדוסטריע.

אויף אונזער לעצטן פּלענום האָבן מיר גערעדט וועגן דער סי. אַי. אָ. אַלס אַזאַ, וואָס טראָגט מיט זיך די צוקונפט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. היינט צו טאָג קאָנען מיר שוין וועגן איר רעדן ווי וועגן אַ באַוועגונג וואָס פאַרווירקלעכט זי. ניט בלויז נעמט די סי. אַי.אָ. אַרום די סאַמע וויכטיקע טיילן פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט, נאָר זי האָט שוין די אַבסאָלוטע מאַיאָריטעט אין צאָל. אין דעם שטראָם פון די אומאָרגאַניזירטע אין דער סי. אַי. אָ. האָבן זיך אָנגעשלאָסן, זינט דער עקזעקוטיוו־קאָונסיל פון דער א. פ. אָוו ל. האָט געמאַכט זיין באַשלוס, אויך יוניאָנס פון דער א. פ. אָוו ל., אין די סי. אַי. אָ. רייען. דורך די לעצטע 6 וואָכן אַליין, דורך דעם דירעקטן איינפלוס פון אונזער פּאַרטיי'ס פאַרזיכטיקע און סיסטעמאַטישע צוגרייטונגען פאַר דער דאָזיקער געשעעניש, האָבן יוניאָנס, וואָס נעמען אין זיך אַריין איבער אַ האַלבן מיליאָן מיטגלידער, באַשלאָסן, מיט אַן איינשטימיקייט וואָס האָט דערשטוינט די רעאַקציאָנערן, אַריינ־

צוגיין אין דעם סי. אי. אָ.־לאַגער, וועלכער איז איצט אין יעדן זינען דער הויפּט־פּאַרטרעטער פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט.

די דאָזיקע פולשטענדיקע אונטערשטיצונג, וואָס מיר גיבן דער סי. אי. אָ., ווידערשפּרעכט ניט און בייט ניט אונזער גרונט־ליניע פונעם קאַמף פאַר איינסקייט אין דער טרייד־יוניאָן באַוועגונג. פונקט פאַרקערט, בלויז דורך אַזאַ שטיצע ווערט די פאַראייניקייטלעכונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אַ פּראַקטישע אויפגאַבע. מיר האַלטן נאָך אַלץ אָן אונזער אומ־קאָמפּראָמיסלעכע געגנערשאַפט צו אַלע שפּאַלטנדיקע פּאַרזוכן אין דעם עקזעקוטיוו־ראַט פון דער א. פ. אָוו ל., צי זיי זיינען אין באַזונדערע נאַציאָנאַלע יוניאָנס, אין לאָקאַלן, צי אין שטאָטישע אָדער שטאַטלעכע פעדעראַציעס. דאָרט וואו עס ווערן דורכגעפירט די שפּאַלטונגען נישט קוקנדיק אַף דעם אַלעם, גיבן מיר אונזער הילף צו קאָנסאָלידירן אַלע אויסגעשלאָסענע יוניאָנס, און זעצן פאָר דעם קאַמף פאַר איינסקייט און פאַר פאַרווירקלעכן די ס.י אי.אָ. אָרגאַניזיר־פּראָגראַם, וואָס שטרעבט אַריבערצוגעווינען די א. פ. אָוו ל. לאָקאַלן, אַז זיי זאָלן אונטערשטיצן און אָנטייל נעמען אין דעם קאַמף. מיר וועלן קיינמאָל ניט אויפהערן צו פאָדערן די פאַראייניקייטלעכונג פון דער אַמעריקאַנער טרייד־יוניאָן באַוועגונג. אינעם פּראָצעס וואו דער עקזעקוטיוו־ראַט פירט דורך שפּאַלטונג־אַרבעט, וועט אַנטשטיין די פראַגע וועגן פאַררופן אַן איינסקייט־קאָנגרעס. ווען די צייט וועט קומען, וועלן צו אַזאַ קאָנקרעס דאַרפן איינגעלאַדן ווערן אַלע יוניאָנס — פון דער סי. אי. אָ. און א. פ. אָוו ל., אַזוי גוט ווי יענע, וועלכע זיינען נאָך ניט אָנגעשלאָסן אָן קיינעם. זאָלן אַלע קומען צו אַזאַ קאָנגרעס, וואָס שטייט פאַר איינסקייט און סאָלידאַריטעט. וואָס איי שייך יענע, וואָס זאָגן זיך אָפּ פון איינסקייט, שטעלן זיי זיך בלויז מיט דעם אַוועק אויסער דער באַוועגונג; אָבער דער איינסקייט־קאָנגרעס דאַרף ניט אויס־

שליסן קיין שום אָרגאַניזאַציע פון ארבעטער און דאַרף זיך איינשטעלן קעגן אַלע אויסשליסונגען און שפּאַלטונגען און פאַר דער פאַראייניקונג פון די טרייד־יוניאָנס אין אַן איינציקער פעדעראַציע. אונזער פּאָזיציע אין דער פראַגע פון איינהייט איז קלאָר. מיר ווילן, אַז יעדער איינער זאָל זי ווייסן. מיר האָפן, אַז זי וועט העלפן באַאיינפלוסן דעם לויף פון די געשעענישן אין דער ריכטונג פון דער מעגלעכסט ברייטסטער פאַראייניקונג אַף דער באַזע פון פּראָגרעסיוון אינדוסטריעלן יוניאָניזם.

אין פאַרבינדונג מיט די טרייד־יוניאָן פראַגן פאַרנעמען נאָך אַלץ אַ וויכטיקן פּלאַץ די פּראָבלעמען פון די ארבעט־לאָזע און זייערע אָרגאַניזאַציעס, די „וואָרקערס אַלייענס". איך וועל דאָ ניט רעדן וועגן די פּראָבלעמען, וואָס שטייען פאַר דער „וואָרקערס אַלייענס" און פאַר איר קאָנווענשאָן, וואָס עפנט זיך סוף קומענדיקע וואָך אין מילוואָקי. מיר וועלן האָבן וועגן דער פראַגע אַ ספּעציעלן באַריכט אַף אונזער פּלענום. איך וויל איצט רעדן וועגן אָרגאַניזירן דעם מאַסן־קאַמף פאַרן שלום.

3. לאָמיר אויסברייטערן דעם אָרגאַניזירטן קאַמף פאַרן שלום

מיט צוויי טעג צוריק איז אָנגעקומען די נייעס, אַז דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט איינגעשטימט צו טרעפן זיך מיט דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל צו פאַרהאַנדלען וועגן פאַראייניקטער אַקציע לטובת שפּאַניע. דאָס איז אַ פאַר־שפּעטיקטע אָנערקענונג פון אַ כמעט אַלוועלטלעכן סענטי־מענט אומעטום צווישן די אַרבעטער, וואָס פאָדערן אַ געמיינ־שאַפטלעכן פראָנט און געמיינשאַפטלעכע אַקציע, אויב מען וויל אָפּהיטן שלום, אויב מען וויל, אַז די שפּאַנישע און וועלט־דעמאָקראַטיע זאָל באַשיצט ווערן קעגן די מערדערלעכע אָנ־פאַלן פונעם פאַשיזם. אין דער מאָס, וואָס די פירער פונעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל האָבן עקשנות׳דיק באַקעמפט די דאָזיקע מאָס פון ענערגיע מוז די דאָזיקע פאָדערונג איצט געשטויסן ווערן פאָראויס, אויב די פאַרהאַנדלונגען זאָלן דער־פירן צו אַן אמת׳ער פאַראייניקטער אַקציע. אַזעלכע דיס־קוסיעס זיינען שוין פונדעסטוועגן אַ טריט פאָראויס, און מיר קאָנען זיך מיט זיי באַנוצן פאַר אַ נייעם פאַרזוך אויף אויס־ברייטערן דעם אָרגאַניזירטן קאַמף פאַרן שלום אויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

זינט אונזער פּלענום אין דעצעמבער, האָט די אַרבעטער־און פּראָגרעסיווע באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַרויסגעוויזן איר סאָלידאַריטעט מיט דער שפּאַנישער דעמאָ־קראַטיע דורך אַריבערשיקן 2,000 פון אירע בעסטע פאָר־טרעטער אין שפּאַניע אין דעם באַרימטן לינקאָלן־באַטאַליאָן צו פאַרנעמען זייער פּלאַץ אין די פראָנט־רייען. (אַפּלאָדיס־מענטן). עטלעכע הונדערט פון אונזערע חברים האָבן שוין אָוועקגעגעבן זייער לעבן אָדער זיינען ערנסט פאַרוואונדעט

געוואָרן. דער לינקאָלן־באַטאַליאָן איז געשטאַנען אין דער סאַמע ערנסטער שלאַכט, האָט 4 מאָנאַטן נאָכאַנאַנד געהאַלטן טרענטשעס אָן קיין שום הילף; ער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ יוניט פון אויסגעפּרובירטע וועטעראַנען; ער איז אַ מוסטער פון דיסציפּלין און פּאָליטישער מאָראַל — מיט איין וואָרט, ער האָט אַריינגעשריבן אַ גלאָררייכן בלאַט אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, מיט וועלכן מיר קאָנען זיין שטאָלץ. און ניט דער קלענסטער קוואַל פון אונזער שטאָלץ באַשטייט אין דעם פאַקט, וואָס איבער 60 פּראָצענט פון די מיטגלידער פון דעם לינקאָלן־באַטאַליאָן זייַנען מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. איצט ווערט אָרגאַניזירט צווישן די אַמעריקאַנער אין שפּאַניע אַ צווייטער באַטאַליאָן אויפן נאָמען פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן.

דאָס איז אַלץ אַ גרעסערע אורזאַך פאַרוואָס מיר, וועלכע בלייבן אויפן אַמעריקאַנער פראָנט, דאַרפן פאַרטאָפּלען אונזערע אָנשטרענגונגען פאַר שפּאַניע, וואָס עס מיינט פאַר דעמאָקראַטיע און שלום אומעטום. די אַרבעט פון דעם „נאַרט אַמעריקאַנער קאָמיטעט אויף אונטערשטיצן די שפּאַנישע דעמאָקראַטיע” מוז פאַרגרעסערט ווערן און בעסער אָוועקגעשטעלט ווערן; מיר מוזן העלפן דער מעדיקאַל ביוראָ צו באַקומען אַלץ אַ ברייטערע שטיצע. די פריינט פון דעם לינקאָלן־באַטאַליאָן מוזן באַזאָרגן פיל מער ווי ביז איצט אָט די דאָזיקע קליינקייטן, וואָס זיינען אָבער נויטיק צו קאָמפּאָרטירן אונזערע יאַטן אין שפּאַניע, און פּאָפּולאַריזירן פיל ברייטער זייערע העלדישע טאַטן. די קאָמפּאַניע פאַר שטיצן די שפּאַנישע קינדער־היימען אין פראַנקרייך און אין שפּאַניע מוז אָרגאַניזירט ווערן אויף אַ ברייטן מאַסשטאַב ווי די דאָזיקע זאַך פאָדערט, פאַרוויקלען מיט איר אויף אַן אמת דעם אַמעריקאַנער פאָלק און שאַפן מיליאָנען דאָלאַר.

מער ווי אַלץ מוזן מיר אויפוועקן דעם באַוואוסטזיין פון אַמעריקע בנוגע די פאַרברעכנס פון דעם פאַשיזם אין שפּאַניע.

אַף אונזער לאַנד ליגט אַ שמאַך און שאַנד, צוליב דעם, וואָס אונזער רעגירונג האָט זיך געאײַלט אָנצואווענדן דעם טרויעריק־באַרימטן „נייטראַליטעט"־געזעץ צו דער מאַרטירערישער שפּאַניע. אָבער ווען די דײַטשע און איטאַליענישע קריג־שיפן האָבן אָפענערהייט באָמבאַרדירט שפּאַנישע שטעט און געזונקען שפּאַנישע שיפן, האָבן מיר פּלוצלונג אויסגעפונען, אַז דאָס וועט מיינען „אינטערווענץ" ווען מיר וועלן אָנווענדן דעם זעלבן געזעץ צו די פאַשיסטישע מערדער. מיר קאָנען קיינמאָל ניט רוען ביז וואַנען אָט די דאָזיקע שאַנדע וועט ניט אָפּגעווישט ווערן. עס טאָר ניט דערלויבט ווערן, אַז אַמעריקע זאָל האַנדלען אין דער ראָלע פון אַ שותף צו די פאַשיסטישע מערדערייען און פאַרניכטונגען.

מיר מוזן איצט שענקען נאָך מער אויפמערקזאַמקייט צו דער ברייטער פּראָבלעם פון אָרגאַניזירן דעם איבערוועגנדיקן שלום־סענטימענט פון די אַמעריקאַנער אין אַ מאַסן־קאַמף פאַרן שלום, פאַר אַ ווירקזאַמערער שלום־פּאָליטיק מצד דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן. דער סאַמע ערנסטער פאַרזוך אין דער ריכטונג איז די „אַמעריקאַן ליג אַגענסט וואָר און פאַשיזם", וואָס האָט פון דריי ביז פיר מיליאָן אָנהענגער. דער דאָזיקער וויכטיקער אָנהויב מוז געשטיצט און געשטאַרקט ווערן אַף יעדן אופן. די „אַמעריקאַן ליג" פּלאַנירט איצט איר 4טן קאָנגרעס, וואָס דאַרף אָפּגעהאַלטן ווערן אין פּיטסבורג, אין דעם לעצטן וואָך־ענד פון נאָוועמבער. אין דעם חודש וואָס פירט צו צו דעם דאָזיקן קאָנגרעס מוז פאַרשטאַרקט ווערן די „אַמעריקאַן ליג", מוזן אַרײַנגעצויגן ווערן אין איר נײַע כחות, עס מוזן אַהין אַרײַנגעצויגן ווערן די בעסטע אַקטיווע אַרבעטער; עס דאַרפן אויפגעלעבט ווערן די לאָקאַלע ליג־ראַטן, ספּעציעל דאַרפן ווערן אַרײַנגעצויגן די טרייד־יוניאָנס, אײַגעשטעלט ווערן באַציאונגען מיט אַנדערע פרידן־אָרגאַניזאַציעס און אויסברייטערן די צירקולאַציע פון דער ליג'ס אויסגעצייכנטן זשורנאַל, „די פאַיט". דער דאָזיקער

זשורנאַל, וואָס צייכנט זיך אויס אין דער גאַנצער וועלט מיט זיין קוואַליטעט און ווירקזאַמקייט, איז הויפּטזאַכלעך צו פאַרדאַנקען דער הויכער אַרבעט קוואַליטעט פון זיין רעדאַקטאָר, דזשאָזעף פּאַס, און זיין פיאיקייט צו אָרגאַניזירן די ברייטסטע קאָאָפּעראַטיווע אָנשטרענגונגען אין פּראָדוצירן אים. די „אַמעריקאַן ליג" באַשטייט, אין איר אַקטיווער מיטגלידערשאַפט, פון אַרום 8 ביז 9 טויזנט מיטגלידער, פון וועלכע גאַנצע 90 פּראָצענט זיינען ניט־קאָמוניסטן, וואָס דאָס איז זייער גוט, מיט דער אויסנאַם, וואָס עס מערקט זיך קלאָר, אַז די שטיצע וואָס די ליג האָט באַקומען אַף אַן אָרגאַניזירטן אופן פון די דיסטריקטן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז היפּשלעך אָפּגעפאַלן — דאָס איז אַ פעלער, וואָס מוז גלייך געענדערט ווערן. מיר פאָדערן אויף יעדע שטאָט־ און שטאָט־אָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטיי, אַז זי זאָל ערנסט פאַרהאַנדלען די פּראָבלעם פון געבן פּראַקטישע הילף און כחות דער „אַמעריקאַן ליג", ספּעציעל אין די קומענדיקע מאָנאַטן פאַר איר 4טן קאָנגרעס.

די פּראָבלעם, וואָס מיר האָבן פאַר זיך געשטעלט, און אין דער ריכטונג פאַר וועלכער מיר האָבן געאַרבעט אין דער „אַמעריקאַן ליג" און אין אַנדערע פּלעצער, איז ווי אַזוי אַרומצונעמען די מערהייט פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק, וואָס וויל שלום אויף אַן אמת, אין אַ ווירקזאַמער באַוועגונג פאַר דעם צוועק. אין ערשטן פּלאַץ באַשטייט די דאָזיקע פּראָבלעם ווי אַזוי צו פאַרניכטן דעם פאַלשן באַגריף פון איזאָלאַציע און נייטראַליטעט, אַלס דעם וועג צום שלום. די פּראָבלעם איז פון צוגרייטן די מאַסן פאַר אַקטיווער מיטאַרבעט מיט די שלום־כחות פון דער גאַנצער וועלט אַף אַן אמת'ער אינטערנאַציאָנאַלער שלום־פּאָליטיק.

מ'האָט אונז געהאַלטן אין געבן אָנצוהערענישן וועגן אַ שלום־פּאָליטיק פון דער וואַשינגטאָנער אַדמיניסטראַציע ספּעציעל פון רוזוועלט'ן און האַל'ן, אַף דער קאָנפערענץ אין

בוענאָס איירעס. אָבער זיי ווערן נוליפיצירט אין דער פּראַק־טיק דורכן קאָנגרעס און דעם סטייט־דעפּאַרטמענט. דער רעאַקציאָנערער לאַגער איז אומשטאַנד צו מאַניפּולירן גראָד די שלום־סענטימענטן פון די מאַסן פאַר די רעאַקציאָנערע און מלחמה־שטיצנדיקע צוועקן, כאָטש דער נייטראַליטעט־לאָזונג ווערט אָנגעווענדעט צו שפּאַניע און ניט צו די פאַשיס־טישע אינטערווענטן אין שפּאַניע.

די פאַלשע נייטראַליטעט פּאָליטיק, ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס עס זעט אויס אַז זי איז אַ שטאַרקע פּאָליטיק, געפינט זיך אין אַ קריזיס. זי ווערט שווער אַטאַקירט פון פיל זייטן. מ'הויבט אָן צו אָנערקענען אַלץ מער און מער, אַז זי איז אומפּאַרווירקלעכבאַר, אַז בעת מען פּרואווט זי אָנווענדן שאַפט זי מער מעגלעכקייטן פאַר מלחמה ווי פאַר שלום. אָבער דערווייל איז נאָך אַלץ ניטאָ קיין אַנדערע אַלגעמיין־אָנגע־נומענע, קלאָרע פּאָליטיק פון שלום. די הויפּט־אויפגאַבע אין אָרגאַניזירן אַ מאַסן־קאַמף פאַרן שלום איז צו פאַרזיכערן זיך מיט אַן אַלגעמיינער אָננעמונג פון אַזאַ פּאָליטיק.

דאָס קאָן ניט דערגרייכט ווערן דורך אַ דירעקטן צוזאַמענ־שטויס מיט די עקזיסטירנדיקע מאַסן־פּאָראורטיילן קעגן דער פעלקער־ליג, כאָטש עס מוז דערקלערט ווערן, אַז די איצטיקע ליג איז ניט דאָס וואָס זי איז פריער געווען, אַז די איצטיקע ליג קאָן און מוז באַנוצט ווערן פאַר דער זאַך פון שלום און דעמאָקראַטיע. אָבער די פאַראייניקטע שטאַטן געפינט זיך אויסער דער פעלקער־ליג, און עס איז אומרעאַליסטיש איינצושטעלן זיך פאַר איר אַריינטרעטן אַהין.

ס'איז אָבער פונדעסטוועגן פאַראַן אַן איינגעשטעלטער שטריך פון דער אַמעריקאַנער אויסלענדישער פּאָליטיק, קעגן וועלכער עס איז ניטאָ קיין מאַסן־פּאָראורטייל, וואָס באַזאָרגט מיט זיך אַ ווירקזאַמע שלום־פּאָליטיק, אָן די שטערונגען וואָס עס מאַכט די פעלקער־ליג. דאָס איז דער אַזוי־גערופענער קעלאָג־אַפּמאַך, דער קעלאָג־בראַיאַן אָפּמאַך, דער אָפּמאַך פון

פֿאַריז, וואָס איז געחתמ׳עט פֿון מער ווי 50 נאַציעס אַף דער איניציאַטיווע פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, וואָס דערקלערט אומגעזעצלעך דאָס באַנוצן זיך מיט מלחמה אַלס אַן אינסטרומענט פֿון נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. מיט פֿאַרשריפֿטן, פֿאַרמאַכן ווירקזאַמער דעם קעלאָג־אָפּמאַך אין די אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, וואָלט געקאָנט געגעבן ווערן אַ פֿולע פּראָגראַם פֿון אינטערנאַציאָנאַלער מיטאַרבעטערשאַפֿט פֿון די שלום־כּחות אַף דער וועלט. עס קאָן אויפֿגעבויט ווערן אַ ברייטע שלום־באַוועגונג אַרום דער פֿאָדערונג פֿון אַזאַ פּאָליטיק. די באַזע, וואָס וואָלט מעגלעך געמאַכט אַ פּאָליסי לויט די פֿאָלגנדיקע ליניעס, האָבן מיר פֿאָרגעשלאָגן אין אונזער פּאַרטיי׳ס לעגיסלאַטיוון בריוו אין דער צייט, ווען דער לעגיסלאַטיווער געזעץ־פּראָיעקט איז געלעגן פֿאַרן קאָנגרעס. מיר האָבן דעמאָלט באַהויפּטעט, אַז מען וואָלט געקאָנט אויסאַרבעטן אַ ווירקזאַמע פֿרידנס־פּאָליטיק פֿאַר די פֿאַראייניקטע שטאַטן אַף דער באַזע פֿון די עטאַבלירטע אָפּמאַכן, וואָס זיינען שוין געחתמ׳עט געוואָרן צווישן די פֿאַראייניקטע שטאַטן און די איבעריקע לענדער אַף דער וועלט, דורך אַ געזעץ מיט די פֿאָלגנדיקע איינפּאַכע פּונקטן:

„1. פֿאָדערן, אַז ווען וועלכע עס איז נאַציע, וואָס איז אונטערגעחתמ׳עט אונטערן קעלאָג־אָפּמאַך, וועט פֿאַרברעכן קעגן די פּונקטן פֿון דעם אָפּמאַך דורך גיין אין מלחמה, צי דורך אַן אָפֿיציעלער דערקלערונג צי ניט, זאָל דער פּרעזידענט ציען אַף דעם די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון קאָנגרעס;

„2. אַז ווען עס וועט עטאַבלירט ווערן דער ברוך פֿון דעם דאָזיקן אָפּמאַך מיט די פֿאַראייניקטע שטאַטן, זאָל געמאַכט ווערן אַן עמבאַרגאָ קעגן אַלע עקאָנאָמישע טראַנסאַקציעס מיט דער שולדיקער מלוכה ביז דער אָנגריף וועט אָפּגעשטעלט און ס׳וועלן געמאַכט ווערן פֿאַרגיטיקונגען;

„3. אז וועלכע עס איז מלוכה, וואָס איז אַליין ניט קיין אָנגרייפער און פאַרברעכט ניט קעגן דעם קעלאָג־אָפּמאַך, נאָר וואָס ליידט פון אַן אָנפאַל דורך שונאים פון אינע־ווייניק אָדער אויסנווייניק, זאָל ניט געשטערט ווערן אין אירע וויטערדיקע נאָרמאַלע האַנדלס־באַציאונגען מיט די פאַראייניקטע שטאַטן;

„4. אז א פאַרברעכער קעגן דעם קעלאָג־אָפּמאַך זאָל באַטראַכט ווערן די מלוכה וואָס וועט זיין די ערשטע צו דערקלערן מלחמה אַף אַן אַנדער מלוכה; וואָס באַנוצט זיך מיט אירע באַוואָפנטע כחות אַף לאַנד, וואַסער אָדער לופט, מיט אָדער אָן א דערקלערונג פון מלחמה, אַריינצו־רייסן זיך אין דער טעריטאָריע, אָדער צו אַטאַקירן די שיפן, אָדער בלאָקאַדירן די פּאָרטן פון אַן אַנדער מלוכה;

„5. אז א מלוכה זאָל אויך באַטראַכט ווערן ווי אַן אָנגרייפער, און א ברעכער פון דעם קעלאָג־אָפּמאַך, ווען זי וועט שטיצן באַוואָפנטע פּאַרטייען אָדער גרופּן, וואָס טרעטן אַרויס אין אַן אויפשטאַנד קעגן דער דעמאָקראַטיש־עטאַבלירטער רעגירונג פון אַן אַנדער נאַציע;

„6. אז אין איינקלאַנג מיט די פּרינציפּן, וואָס זיינען אוועקגעלייגט געוואָרן אַף דער קאָנפערענץ אין בוענאָס איירעס, זאָל די פאַראייניקטע שטאַטן זיך באַראַטן מיט אַנדערע לענדער אין פאַל פון מלחמה אָדער א באַלדיקע געפאַר פון מלחמה."

אַלע אָנשטרענגונגען מוזן געמאַכט ווערן אין דער ריכטונג פון צוזאַמענשמעלצן די באַוועגונג פונעם אַמעריקאַנער פאָלק פאַרן שלום צוזאַמען מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג, קעגן די מלחמה־העצער — וואָס מיינט דער דייטשער און איטאַליענישער פאַשיזם און די יאַפּאַנעזישע מיליטאַריסטן — און אין דער ריכטונג פון שאַפן א פאַראייניקטן פראָנט פון די דעמאָקראַטישע מלוכות קעגן פאַשיסטישע אָנגרייפער.

מיר דאַרפן זיך באַנוצן מיט יעדער געשעעניש אַפן אינ־

טערנאציאָנאַלן געבויט, ספּעציעל די פאַשיסטישע אינטער־
ווענץ אין שפּאַניע און די יאַפּאַנעזישע אינעם ווייטן מזרח,
אַף דערוווייזן דעם אמת'ן וועזן פון דער נייטראַליטעט פּאָליסי,
אַלס אַזאַ וואָס העלפט דעם פאַשיזם, וואָס פירט צו מלחמה,
וואָס טרייבט אַמעריקע און די גאַנצע וועלט אין דער ריכטונג
פון אַ נייער וועלט־מלחמה. מיר מוזן אויפוועקן די מאַסן, אַז
זיי זאָלן זען וואָס פאַר אַ מין אַרבעט עס פירן אָן די אַגענטן
פונעם דייטשן, איטאַליענישן און שפּאַנישן פאַשיזם אין אַמע־
ריקע, און סטימולירן אַ ווירקזאַמע פאָדערונג פאַר אַרויס־
וואַרפן די דאָזיקע ראַצן.

די דאָזיקע באַוועגונג פאַר אַ ווירקזאַמער שלום־פּאָליטיק
מוז אַריינדרינגען אין יעדער מאַסן־אָרגאַניזאַציע. עס איז
מאָדנע, ווי אונזערע חברים דענקען צו־מאָל, אַז אין אונזער
שלום־באַוועגונג דאַרפן מיר בלויז גיין אין טרייד־יוניאָנס וואָס
געפינען זיך אונטער אַ רעאַקציאָנערער פירערשאַפט, און
קעמפן אַריבערצוגעווינען די דאָזיקע יוניאָנס צו אונזער פּראָ־
גראַם, אָבער אין אַ יוניאָן וואָס געפינט זיך אונטער לינקער
און קאָמוניסטישער פירערשאַפט דאַרפן מיר גאָרניט טאָן
וועגן דעם! מיר האָבן דעריבער אָפט פאַר זיך אַזאַ מאָדנע
דערשיינונג ווי — יוניאָנס וועלכע זיינען ווייט פון אונז
ווערן אַקטיוו אין דער „אַמעריקאַן ליג", אָבער יוניאָנס וואָס
זיינען זייער נאָענט צו אונז שענקען זי ניט קיין שום אויפ־
מערקזאַמקייט. פאַרוואָס איז עס אַזוי? דערפאַר, ווייל מיר
פאַרשטייען ניט, אַז די דאָזיקע שלום־באַוועגונג מוז פאַר־
וויקלען די מיטגלידערשאַפט פון יעדער אָרגאַניזאַציע. אַף
וויפיל עס האַנדלט זיך אין דעם אויפבוי פון אַ מאַסן־שלום־
באַוועגונג באַדייט עס גאָרניט פאַר אונז, אויב די פירער
פון דער באַוועגונג שליסן זיך אָן אָן דער דאָזיקער פּראָגראַם,
אויב זיי טוען ניט קיין שום זאַך צו פאַרוויקלען אין איר אויך
זייער מיטגלידערשאַפט. מיר מוזן קריגן יעדע מאַסן־אָרגאַני־
זאַציע, יעדע טרייד־יוניאָן, יעדע קירכע, יעדן לאָדזש, יעדע

שלום־גרופּע, און די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס מוזן באַקומען אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרם אין דער „אַמעריקאַן ליג אַגענסט וואָר און פאַשיזם". און אין דעם קומענדיקן נאָוועמבער־קאָנגרעס. אויב דאָס איז ניט מעגלעך מיט געוויסע אָרגאַניזאַציעס, לאָמיר זיי אַריינברענגען אַמוויניקסטנס אין קאָאָפּעראַטיווע באַציאונגען מיט דער ליג.

4. אויפבויען די פּאַרטיי און דעם „דעילי וואָרקער"

דער הויפּט־אינסטרומענט פאַר דורכפירן אונזערע אויפגאַבן איז אונזער אייגענע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און איר הויפּט־אָרגאַן, דעם „דעילי וואָרקער" און „סאָנדעי וואָרקער". וואָס איז דער אָרגאַניזאַציאָנעלער צושטאַנד פון אונזער פּאַרטיי? זיינען אירע אַרבעטס־מעטאָדן צופרידנשטעלנדיק? וואָס הערט זיך עפּעס וועגן רעקרוטירן נייע מיטגלידער און וועגן אויסברייטערן די צירקולאַציע פונעם „דעילי וואָרקער"? מיר מוזן דאָ גאַנץ שאַרף זאָגן, אַז ניט אַלץ איז אַזוי פויגלדיק. מיר האָבן אַ זייער ערנסטע סיטואַציע אין דעם לאַנגזאַמען וואוקס פון דער מיטגלידערשאַפט און, אַ געוויסע צייט, ביז די לעצטע וואָכן, אַפילו אַן אַראָפּפאַל אין דער צירקולאַציע פונעם „דעילי וואָרקער" און „סאָנדעי וואָרקער".

אַזאַ סיטואַציע איז באַזונדער אַלאַרמירנדיק, דערפאַר, ווייל זי אַנטשטייט אין אַ פּעריאָד פון דער גרעסטער טעטיקייט באַ די אַרבעטער, אין אַ פּעריאָד וואו דער וואוקס אין דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און איינפלוס פון אונזער פּאַרטיי קומט אַלס רעזולטאַט פון אירע זייער דערפאָלגרייכע טעטיקייטן. דער ערשטער באַדינג פאַר בייקומען די דאָזיקע אומדערלאָזבאַרע סיטואַציע איז צו אָנערקענען זי אָפנהאַרציק. ווי איך האָב שוין געזאָגט אין פעברואַר, באַ דער ספּעציעלער קאָנ־

פערענץ, וואָס מיר האָבן געהאַט כדי צו מאַכן וואַכזאַם אונ־זער פּאַרטיי אין דער פראַגע, האָט אונזער פּאַרטיי אויסגע־אַרבעט געוויסע מאָס־מיטלען, וואָס פאָדערן זיך פאַר בייקומען די דאָזיקע סיטואַציע. ספּעציעל מוזן מיר אָנדייטן אַף די באַשלוסן פון אונזער 9טער קאָנוועַנשאָן, פון אונזער לעצטן פּלענום אין דעצעמבער, און פון דער ספּעציעלער פּאַרטיי־קאָנפערענץ וועגן דער דאָזיקער פּראָבלעם אין פעברואַר. בעת מיר האָבן גינסטיקע באַדינגונגען צווישן די מאַסן, בעת די פּאַרטיי איז שוין באַוואָפנט מיט געהעריקע פּאָליסים, מוז דעריבער געפונען ווערן דער ענטפער צו דער דאָזיקער ערנסטער לאַגע, פריער פון אַלץ אין דעם פאַקט, וואָס די פּאַרטיי־פירערשאַפט און די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס שענקען ניט די געהעריקע סיסטעמאַטישע און שטענדיקע אויפמערק־זאַמקייט צו די דאָזיקע אויפגאַבן. די דאָזיקע אַרבעט ווערט סיסטעמאַטיש פאַרנאַכלעסיקט. בלויז זינט אונזער פעברואַר־קאָנפערענץ באַמערקן מיר אַ שטיקל סימן פון אַן ערנסטן קער אין דער פראַגע אין דער גאַנצער פּאַרטיי.

דער דאָזיקער אָנהויב איז נאָך אַלץ אינגאַנצן ניט צופרידנ־שטעלנדיק. אָן דער פולשטענדיקער לייזונג פון דער דאָזיקער פּראָבלעם קאָן די פּאַרטיי ניט גיין פאָראויס און דורכפירן די וואַקסנדיקע אויפגאַבן, וועלכע עס שטייען פאַר איר.

די פּראָבלעם פון פּאַרטיי־וואוקס איז, ערשטנס, צו רעקרו־טירן אַלץ גרעסערע צאָלן נייע מיטגלידער און, צווייטנס, צו האַלטן זיי כסדר פאַרנומען אין פּאַרטיי־אַרבעט, אַזוי אַז זיי זאָלן ניט אַרויספאַלן נאָך עטלעכע וואָכן אָדער מאָנאַטן.

האָבן מיר אַ גינסטיקע סיטואַציע פאַר רעקרוטיר־אַרבעט? עס איז קיין פראַגע ניטאָ, אַז יאָ, ס'איז דאָ. די באַדינגונגען זיינען קיינמאָל ניט געווען אַזוי גינסטיק. די פּאָטענציעלע מיטגלידער אַרום אונזער פּאַרטיי זיינען צען מאָל אַזויפיל ווי מיט עטלעכע יאָר צוריק. זיי פילן, אַז אונזער פּאַרטיי איז אַ פירנדיקע קראַפט, מער ווי זיי האָבן עס ווען עס איז גע־

פילט. אונזער פּאַרטיי־אויטאָריטעט צווישן זיי איז קיינמאָל ניט געווען אַזוי הויך. אָבער די דאָזיקע פּאָטענציעלע מיט־גלידער באַקומען ניט פון דער פּאַרטיי יענעם ענדגילטיקן שטויס, וואָס זאָל זיי אַריבערטראָגן איבער דער ליניע, וואָס טיילט אָפּ סימפּאַטיזירער פון פּאַרטיי־מיטגלידער. די פּאַרטיי־מיטגלידער, יוניטס, קאָמיטעס, און פראַקציעס זיינען ניט באַוואוסטזיניק אין זייערע אויפגאַבן אַלס רעקרוטיר־אַגענטן פאַר דער פּאַרטיי. עס איז זייער אַן ערנסטער טריט פאַר אַ מענטשן אָנצושליסן זיך אָן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אַזאַ ערנסטער טריט קומט ניט פאָר פון זיך אַליין אָדער אויטאָמאַטיש. דאָס קומט נאָר פאָר, ווען ער איז צוגעגרייט און אָרגאַניזירט דורך דער באַוואוסטזיניקער אַרבעט פון אונזער פּאַרטיי און אירע מיטגלידער. די דאָזיקע פּראָבלעם מוז געלייזט ווערן. די גאַנצע פּאַרטיי אָן שום אויסנאַם, פון די יוניטס ביז דעם צענטראַל־קאָמיטעט, מוזן זיך מיט איר פאַרנעמען. די פּראָבלעמען מוזן קאָנקרעט אונטערזוכט ווערן אין יעדן פּלאַץ און אומעטום. די גאַנצע פאָרשטעלונגס־קראַפט און איניציאַטיווע פון די מיטגלידער מוז געבראַכט ווערן אין באַוועגונג כדי צו געפינען די קאָנקרעטע לייזונג. קיין שום פאָרמולעס, וואָס מיר וועלן דאָ אויסאַרבעטן, קאָנען ניט צופּאַסן זיך צו די טויזנטער וואַריאַציעס פון דער פּראָבלעם. דער צענטראַל־קאָמיטעט קאָן בלויז געבן אַן אַלגעמיינע פירערשאַפט, סטימולירן די פּאַרטיי, דערמוטיקן איר איניציאַטיווע. די גאַנצע פּאַרטיי מוז זיך פאַרנעמען שעפעריש אין געפינען די פּראַקטישע לייזונג.

ווי מוזן מיר אַרבעטן? גרופּן־אַרבעט, פּלענער, אונטער־זוכונגען, און קאָנטראָל, מיט סאָציאַליסטישע געוועטן — דאָס זיינען די מיטלען, וואָס מוזן באַנוצט ווערן צו אָרגאַניזירן די איניציאַטיווע און ענטוזיאַזם פון די מיטגלידער און ריכטן זייערע אָנשטרענגונגען צו באַשטימטע צילן. אָנקומען צו אויסטיילן קוואָטעס, וואָס וועלן געמאַכט ווערן פון אויבן, וואָלט געווען צו מעכאַניש, און ס'וועט ניט אַרבעטן. דעריבער

מוזן מיר סטימולירן יעדן יוניט און פראַקציע פון דער פּאַר־טיי, אַז זי זאָל פאַר זיך אַליין אַווקעשטעלן אַ באַשטימטע צאָל פון נייע מיטגלידער, וואָס זי נעמט זיך אונטער צו רע־קרוטירן אין פאַרלויף פון אַ באַשטימטער צייט. דאָס זאָל ניט זיין קיין אויסטייל פון קוואָטעס. מען דאַרף אַף זיך פריי־וויליק נעמען די אויפגאַבע. דער יוניט אַליין דאַרף עס באַ־שליסן.

ווי זאָלן די אַלטע מיטגלידער באַקענען די נייע מיט פּאַרטיי־אַרבעט? פריער פון אַלץ דאַרפן די אַלטע מיטגלידער אויפגעבן אַלע אָנשטעלן פון סופּעריאָריטעט, אַלע רעשטלעך פון יענער שטעלונג פון דעם אַלטן גלח, וואָס פלעגט אַריינ־פירן אַ באַקערטן אין די מיסטעריעס פון אַ רעליגיע. אויב די אַלטע מיטגלידער ווילן דערציען די נייע — און זיי דאַרפן עס וועלן — מוזן זיי אָנהויבן פון לערנען פון די נייע מיט־גלידער. מיר וועלן ניט קאָנען אָנהאַלטן אונזערע נייע מיט־גלידער סיידן מיר וועלן אָפּווישן אַלע שפּורן פון פרעכקייט און אַלע מינים סנאָבערייען אין אונזער צוגאַנג צו זיי. יעדער שפּור פון דעם וועט זיי בלויז אַוועקטרייבן שנעלער פון דער פּאַרטיי ווי מיר קאָנען זיי רעקרוטירן. ספּעציעל פון די אַלטע חברים דאַרפן מיר פאָדערן באַשיידנקייט. מיר קאָנען פאַר־געבן נייע מיטגלידער ווען זיי פעלט נאָך די דאָזיקע וועזנט־לעכע קוואַליטעט פון באָלשעוויסטישער באַשיידנקייט, אָבער מיר קאָנען ניט פאַרגעבן די אַלטע. די ערשטע אויפגאַבע פון דער פּאַרטיי איז צו לערנען אירע מיטגלידער באַשיידנקייט. די באַציאונגען פון די אַלטע און נייע מיטגלידער מוזן זיין אַזעלכע ווי צווישן דעם לערער און שילער אַף בײדע זייטן, ניט אַלע לערער פון איין זייט און דער שילער פון דער צווייַ־טער זייט. גראָד די נייע מיטגלידער האָבן אָפּט אַמערסטן בייצושטייערן צו דער דאָזיקער קאָמבינאַציע. אין פאַרבינדונג מיט דעם האָבן מיר שוין פיל מאָל געלערנט, ווי יוניטס, וואָס באַשטייען פון אַלטע מיטגלידער, און האָבן אויסגעפונען אַז

„ס'איז אוממעגלעך צו באווייזן", האבן פונדעסטוועגן דערנאך אויסגעפונען, אז עס פאדערט זיך א יוניט פון נייע מיטגלידער, וואס קומט און ווייזט אין דער פראקטיק, אז מען קאן עס יא באווייזן. אין אזעלכע פאלן וואלט געווען אן אומגליק אויב די אלטע מיטגלידער וואלטן אין צייט געכאפט די נייע מיטגלידער צו „דערציען" זיי אין זייער טיפער חכמה פון פאסיווקייט. ספעציעל איז עס אמת בנוגע רעקרוטיר־ארבעט. נייע מיטגלידער רעקרוטירן צען מאל אזוי פיל ווי די אלטע. ספעציעל זיינען עס אונזערע אלטע מיטגלידער, וועלכע נויטיקן זיך אין דערציאונג בנוגע רעקרוטיר־ארבעט, און אין דעם קאנען זיי אמבעסטן דערצויגן ווערן דורך די נייע.

ווי אזוי זאלן מיר אויסטיילן ארבעט פאר די נייע מיטגלידער? מיר מוזן אין דעם אויסמיידן צווייברייט פארשפרייטע טעות'ן. ערשטנס, דעם טעות פון מעכאניש איבערלאדן די נייע מיטגלידער מיט א טוץ אויפגאבן פון א ריין־רוטינעם און מעכאנישן כאראקטער, מאנאפאליזירנדיק זייער פרייע צייט און ניט געבן זיי קיין שום זאך, וואס זאל פארנעמען זייער אינטערעס אדער זאל געבן אויסדרוק צו זייער איניציאטיווע. דאס מיינט אוועקטרייבן די נייע מיטגלידער פונעם גאנצן פארטיי־לעבן. צווייטנס, מאכט מען דעם טעות פון אינגאנצן פארנאכלעסיקן די נייע מיטגלידער און ניט געבן זיי די געלעגנהייט אנטיילצונעמען אינגאנצן אינעם פארטיי־לעבן, אדער מען גיט זיי אזוי ווייניק, אז זיי ווערן ניט אריינגעצויגן אינעם נייעם לעבן און ווערן ניט פון אים אריינגעצויגן. דאס מיינט צו דערלאזן, אז זיי זאלן אוועקגעצויגן ווערן פון דער פארטיי. מען דארף דעם נייעם מיטגליד אפיציעל באגריסן מיט זיין אריינקומען אין דער פארטיי; מען דארף אים מאכן פילן זיך היימיש, ווי א גלייכער צווישן גלייכע, וואס גיט זיין טייל פון ארבעט און פאראנטווארטלעכקייט; מען דארף שענקען אויפמערקזאמקייט אף באנוצן זיך מיט זיין ספעציעלן וויסן, מיט זיינע ספעציעלע פיאיקייטן,

מיט זיינע ספּעציעלע קאָנטאַקטן צו דערפילן די פּאַרטיי אויפ־גאַבן אַף אַזאַ אופן, אַז ער זאָל קאָנען זען בחוש זיין אייגענעם בייטראַג.

אַ צווייטע, זייער וויכטיקע פראַגע, איז ווי אַזוי צו העלפן די נייע מיטגלידער אין זייערע אויפגאַבן אין די טרייד־יוניאָנס אָדער אַנדערע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס. וויפיל טויזנטער פאַלן האָבן מיר שוין געזען, ווען מיר פרעגן זיך בײַ שוין לאַנג־יאָריקע סימפּאַטיזירער פאַר וואָס זיי שליסן זיך ניט אָן אָן דער פּאַרטיי, וועלכע זיי פאָלגן נאָך אַזוי געטריי, ווי זיי ענט־פערן, אַז זיי האָבן מורא, אַז די דיסציפּלין אין יוניט און די צעטיילטע אַרבעט וועט פאַרניכטן זייער ווירקזאַמע אַרבעט אין די טרייד־יוניאָנס אָדער אַנדערע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, וואו זיי געפינען, אַז די קאָאָפּעראַציע מיט דער פּאַרטיי איז אַזוי וויכטיק אין זייער אַרבעט. כדי זיי זאָלן זיין אומשטאַנד אָנ־צוהאַלטן די קאָאָפּעראַציע מיט דער פּאַרטיי, בלייבן זיי אויסער דער פּאַרטיי. וואָס מיינט עס? די ערשטע אויפגאַבע פון אַ פּאַרטיי־מיטגליד אין באַצוג צו אַ נייעם מיטגליד, איז צו דערווייזן זיך ווי אַזוי צו באַנוצן זיך מיט זיינע פאַר־בינדונגען אין אַלע מינים מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, און נישט צו שטערן אָדער פאַרניכטן זיי. דער גרעסטער פאַרברעכן, וואָס מען קאָן באַגיין קעגן דער פּאַרטיי, איז באַגרענעצן די מאַסן־טעטיקייטן פון די נייע מיטגלידער. דער פּאַרטיי־יוניט מוז געפינען אַ וועג ווי צו העלפן אין דער הינזיכט דעם נייעם מיטגליד, און קיינמאָל, אונטער קיין שום אומשטענדן, ניט לייגן שטערונגען אַף זיין וועג.

די ספּעציעלע אייגנשאַפטן פון באָלשעוויסטישער פירערשאַפט

ווי זאָלן מיר אַנטוויקלען די פירנדיקע ראָלע פון די העכערע קאָמיטעטן און פון די סעקרעטאַרן אין די סעקציעס און דיסטריקטן? פירערשאַפט איז אַ קונסט, וואָס יעדער

קאָמוניסטישער פּאַרטיי־מיטגליד מוז דערלערנען; אָבער ער מוז דערלערנען די ספּעציעלע קוואַליטעט פון באָלשעוויסטי־שער פירערשאַפט. שוואַכקייטן אין דער פירערשאַפט ווייזן זיך אומפאַרמיידלעך אַרום אינעם שלעכטן און שוואַכן אינערלעכן פּאַרטיי־לעבן, אין שוואַכער רעקרוטיר־אַרבעט און פאַרלוסט אין מיטגלידער. ווען מיר אונטערזוכן, למשל, די אַרבעט פון אונזערע סעקרעטאַרן אין די דיסטריקטן און סעקציעס, געפינען מיר צוויי שלעכטע מעטאָדן, וואָס דערשיינען אָבער אַמאָל און ווידער אַמאָל. איינע איז די מעטאָדע פון דעם „שטאַרקן מאַן", וואָס קומט אין זיין קאָמיטע מיט אַן אָפּגעמאַכטער מיינונג וועגן יעדער זאַך, אַן אַ פריערדיקער באַראַטונג, מאַכט אַוועק מיט דער האַנט יעדע פּראָבע פאַר דיסקוסיע, סיידן די פון די „יאָ־זאָגער" אין דער קאָמיטע; וואָס נעמט זיך אַפילו ניט די מי אָפּצושטימען די באַ־שטריטענע פראַגן, נאָר לייגט אַרויף זיין „העכערע אויטאָריי־טעט" איבער דער קאָמיטע; וועלכער דערגרייכט איינהייט־לעכקייט אין דער אָנפירונג דורך דעם, וואָס מען קאָן אָנרופן אינטעלעקטועלע „שטאַרק" מעטאָדן, דורך ניט דערלאָזן קיין שום קריטישע באַטראַכטונג פון זיינע פאָרשלאַגן. די צווייטע פאַלשע מעטאָדע איז, פּונקט די פאַרקערטע: דאָ ווערט גראַד דערלאָזן געגוג פרייהייט פאַר דיסקוסיע, אָבער די דיס־קוסיע ווערט ניט געריכטעט אין אַן אופן, וואו זי זאָל זיך צוזאַמענשליסן אין אַן אמת'ער געדאַנקען־איינהייטלעכקייט, אַזוי, אַז יעדער איינער גייט אַרויס פון דער קאָמיטע ניט מיט אַ פאַראייניקטער מיינונג נאָר מיט די זעלבע אָנשוויאונגען מיט וועלכע ער איז געקומען; מיינונגס־פאַרשיידנהייטן ווערן ניט אויסגעגלעכט, יעדער איינער גייט זיך אַף זיין וועג און די אייזערנע איינקייט פון אַ קאָמוניסטישער פּאַרטיי פאַרשווינדט גראַדנווייז אין אַ זומפּ פון אומפאַרבונדענע אינדיווידועלע צו־גאַנגען צו פאַרשיידענע פראַגן. קיין איינער פון די דאָזיקע מעטאָדן האָט ניט קיין שום געמיינשאַפטלעכקייט מיטן באָל־

שעוויסטישן באַגריף פון פירערשאַפט; דער דאָזיקער באַגריף באַשטייט אין דעם, וואָס ער איז שטענדיק אַ קאָלעקטיווער, וואָס ער זאַמלט און שמידט אויס צוזאַמען די פּאַרשיידנאַרטיקע און צונעבלעכע קוואַליפיקאַציעס פון פיל אינדיווידומען, וואָס באַוואָפנט יעדן איינעם פון זיי מיט דער קראַפט פון די אַלע אַנדערע, וואָס באַזייטיקט פון יעדן איינעם זיינע שוואַכע פּונקטן, וואָס אַנטוויקלט די זעלבסט־קריטיק און קעגנזייטיקע קריטיק ווי אַ סיסטעם און מעטאָדע, און שאַפט מיט דעם די פּאַרפילפאַכונג פון די פירנדיקע כחות פון דער פּאַרטיי, טויזנט־פאַך מער ווי דאָס, וואָס יעדער איינצלנער, ווען אַפילו ער איז אַ גאוני, איז אומשטאַנד צו געבן.

צומאָל געפינען מיר ביישפּילן, כאָטש זיי זיינען שוין איצט זעלטן, ווען פירנדיקע קאָמיטעס ווערן דערלויבט צו פאַרזינקען אין אומטעטיקייט, זייערע פלעצער ווערן דאַן פאַרנומען פון איינציקע „שטאַרקע" חברים, וועלכע נעמען איבער אַלע פליכטן פון דער קאָמיטע, און ניט נאָר רופן זיי ניט צוזאַמען די קאָמיטע, נאָר זיי אַנטמוטיקן זי פּאַקטיש פון צוזאַמענקומען זיך. מיר זיינען ניט לאַנג צוריק דערשטוינט געוואָרן צו דערוויסן זיך, אַז אין איינעם פון אונזערע סאַמע וויכטיקסטע דיסטריקטן, אין דער צייט פון אַ גרויסן סטרייק־קאַמף, אין וועלכן די פּאַרטיי איז געווען זייער אַקטיוו, און האָט אין געוויסע הינזיכטן געטאָן זייער גוטע אַרבעט, איז זיך די דיסטריקט ביוראָ ניט צוזאַמענגעקומען אין משך פון 6 וואָכן. חברים, האָט דאָס פּאַסירט אין אייער דיסטריקט? איך קוק זיך דאָ אַרום צו דערזען די שולדיקע פּנים'ער. מיר זיינען געווען צווייפאַך דערשטוינט צו דערוויסן זיך, אַז דער דיסטריקט־סעקרעטאַר האָט ניט געפונען קיין צייט אָפּצוגעבן אַ פּאָליטישן באַריכט וועגן די דאָזיקע רייכע דערפאַרונגען פאַר זיין מיטגלידערשאַפט. מיר זיינען געווען דרייפאַך דערשטוינט צו דער וויסן זיך, אַז דער דאָזיקער סעקרעטאַר האָט, פונדעסטוועגן, יאָ געפונען צייט צו מאַכן אַ רייזע פון עטלעכע הונדערט

מייל כדי אָפּצוגעבן אַ באַריכט אין אַן אַנדער דיסטריקט. מיט אַזעלכע מעטאָדן, חברים, וועט געוויס די פּאַרטיי ניט אויפ־געבויט ווערן. מיר מוזן האָבן אַ פּאַראַנטוואָרטלעכע און קאָלעקטיווע פירערשאַפט, אָן וועלכער עס וועט גאָר ניט אַרויסקומען פון רעדן וועגן רעקרוטיר־אַרבעט. מיר זיינען אַ באָלשעוויסטישע פּאַרטיי.

ווי אַזוי זאָלן מיר אויסקלייבן, טרענירן און אַרויסברענגען נייע פירנדיקע קאַדרען? אין דער הינזיכט האָבן מיר נאָך פיל מיסברויכונגען אין אונזערע מעטאָדן. מיר געפינען דיסטריקטן, וואו די דאָזיקע פראַגע איז דאָס פּערזענלעכע אייגנטום פון אַן איינציקן פירנדיקן חבר, אַנשטאָט אַז עס זאָל זיין די קאָלעקטיווע אַרבעט פון די פירנדיקע קאָמיטעס מיט דער באַטייליקונג פון דער מיטגלידערשאַפט. געוויינלעך געפינען מיר אין אַזעלכע פּלעצער, אַז מען באַקלאָגט זיך, אַז עס פעלן קרעפטן. מיר געפינען — זאָגן זיי — אַז די קרעפטן וואָס זיינען דאָ זיינען „ניט גוט" צוליב איין אורזאַך אָדער אַ צווייטער. פּערזענלעכע קאַפּריזן איז פּאַקטיש אַן אומגליק פאַר דער אָנפירונג פון דער אַרבעט. געוויסע פּערזאָנען ווערן געשטויסן פון איין פּאָסטן אַף אַ צווייטן אָן קיין שום באַ־ציאונג צו זייערע אייגענע אינטערעסן אָדער די מיינונגען פון יענע מיט וועלכע זיי מוזן אַרבעטן. אָט־די אַלע פאַרשיידענע רעשטלעך פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָנפירונג, אין דער פאַבריק־סיסטעם, אָדער פון בירגערלעכן פּאָליטישן לעבן, מוזן באַקעמפט און באַזייטיקט ווערן פון אונזערע אַרבעט־מעטאָדן, אויב מיר ווילן אויפבויען די קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

ווי אַזוי בייצוקומען די „רויטע סטראַשידלע"

ווי זאָלן מיר פאַרטרייבן די „רויטע סטראַשידלע" פון צווישן די רויטע? עס איז אַ פּאַקט, אַז אַ גרויסער טייל פון אונזער שוואַכקייט אין דער רעקרוטיר־אַרבעט קומט אַ דאַנק דער „רויטער סטראַשידלע", נישט צווישן די אַרבעטער נאָר

צווישן אונזערע אייגענע חברים, ספּעציעל צווישן די, וועלכע זיינען ערשט־אָ ארויסגעקומען אַלס מאַסן־פירער. אייניקע פון די דאָזיקע חברים באַהאַלטן אַלס אַ שענדלעכן סוד זייערע קאָמוניסטישע איבערצייגונגען און פאַרבינדונגען; זיי בעטן היסטעריש די פּאַרטיי, אַז זי זאָל זיך האַלטן אַזוי ווייט ווי ס׳איז מעגלעך פון זייער אַרבעט. מיר מוזן צוגעבן, אַז זייער אָפט איז עס אַ שלעכטער ענטפער אַף געוויסע שלעכטע אַרבעט־מעטאָדן מצד דער פּאַרטיי, און די שולד איז ניט שטענדיק מצד די חברים, וואָס האָבן די „רויטע מורא״; מעגלעך, אַז די פּאַרטיי האָט אַליין באַשאַפן די „רויטע מורא״ דורך שלעכטע אַרבעט־מעטאָדן, אָדער זי איז געוואָרן פאַראורזאַכט פון אייניקע פון אירע פירנדיקע חברים. דאָס קאָן זיך אָפט טרעפן דורך דעם, וואָס מען שטעלט צו גרויסע פאָדערונגען און מען גיט מעכאַנישע פאַנאַנדערטיילונגען פון די אויפגאַבן, דורך אַ ניט־דורכגעטראַכטן צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס — דער געדאַנק, למשל, אַז די פּראָבלעמען פון די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס קאָנען געלייזט ווערן, מיר־נישט דיר־נישט, אין דעם פּאַרטיי־אָפיס, דורך אַ באַשלוס פון דעם פּאַרטיי־אָרגאַניזאַטאָר. אָט אַזאַ זאַך באַשאַפט די „רויטע אָנשרעקעניש״ צווישן די חברים. אַף דער באַזע פון אַ פּאָרזיכטיקן און גוט־דורכגעטראַכטן צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון די איינציקע אָנפירנדיקע חברים און זייערע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס, מוזן מיר אָנהויבן צו פאָדערן מער פון אַזעלכע חברים לטובת דער פּאַרטיי. מיר מוזן אויסאַרבעטן מיט זיי אַ וועג ווי אַזוי צו „לעגאַליזירן״ די פּאָזיציע פון די קאָמוניסטן אַלס באַקאַנטע קאָמוניסטן, און ווי צו מאַכן, אַז זייער פּרעסטיזש זאָל ביישטראָגן צו דעם וואוקס און אויטאָריטעט פון זייער פּאַרטיי — ווי אַזוי צו מאַכן, אַז די אויטאָריטעט פון דער פּאַרטיי זאָל פאַרשטאַרקן זייער פּאָזיציע אַלס מאַסן־פירער. דאָס קאָן געטאָן ווערן מיט פולער ווירקזאַמקייט בלויז דאַן, ווען די פּאַרטיי העלפט אַף אַן אַנט־

שיידענעם אופן לייזן די פּראָבלעמען פון אַזעלכע חברים, און די פּראָבלעמען פון זייערע אָרגאַניזאַציעס.

די אַלע פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צום פּאַרטיי־וואוקס, זיינען באַזונדערע סימנים פון דער אַנטוויקלונג פון אַ געזונטער אינעווייניקסט־פּאַרטייאישער דעמאָקראַטיע. מיר קאָנען שוין זאָגן, אַז די פּאַרטיי האָט פיל געלערנט אין דער הינזיכט. ס'איז קיין שום פראַגע ניט, אַז מיר זיינען די סאַמע דעמאָקראַטישסטע אָרגאַניזאַציע אין די פּאַראייניקטע שטאַטן; עס איז ניטאָ קיין אַנדער אָרגאַניזאַציע פון 40 ביז 50 טויזנט מיטגלידער, וואָס האָט אַפילו אַ קליינעם טייל פון דער אַקטיווער באַטייליקונג אין די אַנטשיידנדיקע פראַגן דורך דער גאַנצער מיטגלידערשאַפט, ווי מיר האָבן עס. אָבער פונעם שטאַנדפּונקט פון דעם, וואָס מיר דאַרפן זיין, כדי צו פאַרווירקלעכן אונזערע גוואַלדיקע מעגלעכקייטן פון וואוקס, הויבן מיר ערשט איצט אָן. מער ווי אַלץ מוזן מיר אָפּלערנען אין דער הינזיכט פון אונזער גרויסער ברודער־פּאַרטיי אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. מיר מוזן ספּעציעל לערנען פון חבר סטאַלינ'ס רעדע און שלוס־וואָרט אויף דעם מערץ־פּלענום פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אינעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.*) דאָס וועט זייער פיל העלפן אויפצוהייבן העכער די איניציאַטיווע און אַקטיוויטעט פון אונזערע אונטערשטע אָרגאַניזאַציעס; סטימולירן און דערמוטיקן אַ געזונטע זעלבסט־קריטיק; און אַרויסברענגען נייע, פאַראַנטוואָרטלעכע, באַגלויבטע און פייאיקע חברים אין דער פירנדיקער אַרבעט. מיר מוזן זיך צואייגענען אויך דעם לאָזונג פון „באַהערשן דעם באָלשעוויזם", וואָס חבר סטאַלין האָט אויפגעהויבן. אויב דאָס איז נויטיק פאַר דער גרויסער פּאַרטיי פון לענין און סטאַלין, ווי נויטיק איז עס שוין פאַר אונז?

*) י. סטאַלין, באַהערשנדיק באָלשעוויזם, וואָרקערס לייברערי פּאַבלישערס, ניו יאָרק. 5 סענט.

און אויב מיר מוזן האָבן פּאָליטישע וואַכזאַמקייט צו זען דעם איינפלוס פון די שונאים פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, נאָך כמעט 20 יאָר פון סאָוועטן־מאַכט; אויב מיר דאַרפן געדענקען, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד געפינט זיך נאָך איצט אויך אין אַ קאַפּיטאַליסטישער אַרומרינגלונג, טאָ וויפיל מאָל מער דאַרפן מיר דאָ אין אַמעריקע געדענקען ניט בלויז אונזער קאַפּיטאַליסטישע אַרומרינגלונג, נאָר אונזער קאַפּיטאַליסטישע אומגעבונג אין יעדער הינזיכט. די דאָזיקע לעקציעס מוזן מיר ברענגען צו אונזער פּאַרטיי און אָנווענדן אונטער אונזערע באַדינגונגען סטאַלינ׳ס לאָזונג פון „באַהערשן דעם באָלשעוויזם”.

מאַרקסיסטיש־לעניניסטישע טעאָריע צו באַלויכטן אונזער פּאָליטישע אַרבעט

אונזער פּראַקטישע אַרבעט מוז מער באַלויכטן ווערן פון דער טעאָריע פון מאַרקס, ענגעלס, לענין און סטאַלין, יענע גרויסע דערציער פונעם פאָלק, וואָס זיינען באַוואוסט אין דער געשיכטע ווי די פאַרווירקלעכער פונעם סאָציאַליזם. דאָס קאָן בלויז דערגרייכט ווערן דורך סיסטעמאַטישער דערציאונגס־אַרבעט, דערציאונג פאַר די מאַסן, און ספּעציעל אַ פאַר־שטאַרקטע דערציאונג פאַר די סאַמע פאַראַנטוואָרטלעכע פירנ־דיקע חברים.

דערציאונג מוז ווערן אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך אין אונזער פּאַרטיי־לעבן. דער פּראָצעס פון דערציאונג מוז זיין אַ כסדר׳דיקער, אַ קיינמאָל זיך ניט ענדיקנדיקער. ער הויבט זיך אָן מיט זעלבסט־שטודיום, מיט זעלבסט־דערציאונג, אין וועלכן דער איינציקער חבר אָרגאַניזירט זיין אייגענעם סיס־טעמאַטישן קורס פון לייענען אין פאַרבינדונג מיט זיין פּראַקטישער אַרבעט. דער פּראָצעס פון דערציאונג איז דער פּראָצעס פון טראַנספאָרמאַציע צו העכערע פיייקייטן; דאָס אַרויסרייסן פון דער פאַרגאַנגענהייט יעדע זאַך, וואָס שטערט

די דאָזיקע אַנטוויקלונג ; דער ראַדיקאַלער איבערבוי פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט ; אומ׳ברחמנות׳דיק אויסזוכן יעדן שלעכטן איינפלוס פון דער פאַרגאַנגענהייט אין דעם פּער־זאָנ׳ס פּאָליטישן און פּערזענלעכן לעבן, אויסברענען אַזעלכע איינפלוסן מיט אַ הייסן אייזן, און אַנשטאָט דעם אַנזעטיקן זיך מיט דעם לעבעדיקן באַריר פון דעם כסדר׳דיק וואַקסנדיקן באָלשעוויק. אָט דאָס מיינען מיר מיט דערציאונג ; נישט בלויז מעכאַניש אויסלערנען זיך איבערגע׳חזר׳טע פאָרמולעס, ניט בלויז אָנזאַמלען וויסן גלאַט אַזוי זיך ; נאָר איבערבויען זיך פון אונטן ביז אַרויף, איבערטראַנספאָרמירן זיך אין אַ גאַנץ נייעם און אַנדערן מענטשלעכן מין. דער דאָזיקער באַ־גריף וועגן דערציאונג מוז באַשאַפן ווערן אין אונזער פּאַרטיי. דער פּראָצעס פון דערציאונג, אָנהויבנדיק מיט דער באַוואוסט־זיניקער טעטיקייט פון דעם איינציקן, ווערט פאַרגעזעצט דורך יעדער פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט, וואָס שטעלט איין אַ דער־ציערישן באַריר מיט איינעם אָדער מערער, פאַר וועלכער עס איז געמיינשאַפטלעכער אַרבעט אינעם דאָזיקן געביט, מיט פּעריאָדישע געמיינשאַפטלעכע דיסקוסיעס וועגן נאָענטע פראַגן, ווען עס קומט פאַר אפילו אַרום דעם מיטאָג־טיש, אָדער בעת מען וואַרט, אַז דער מיטינג זאָל זיך עפענען. יעדער פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעטער מוז אונטער אַלע אומשטענדן אָנפירן אַזאַ סיסטעמאַטישע באַהערשונג פון די לויפנדיקע וועלט־פּראָבלעמען און פון נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, וואָס זאָל אונטערשטיצט ווערן דורך לייענען די קלאַסישע ווערק פון סאָציאַליזם.

אָט אַזאַ געמיינשאַפטלעכע אַרבעט דאַרף פּלאַנירט ווערן, ניט איבערלאָזן עס אַף גאָטס באַראָט, און זי דאַרף אָנהאַלטן כסדר, אַזוי ווייט ווי ס׳איז מעגלעך, מיט די זעלבע פּערזאָנען. אַזעלכע דערציערישע צוגרייטונגען דאַרפן גלייך ווערן אָפּגע־שפּיגלט אין דער פאַרבעסערטער קוואַליטעט פון די יוניט־דיסקוסיעס, פון די רעדעס אין מאַסן־אָרגאַניזאַציעס און אַף

גאַסן־מיטינגען, אין דער צוגרייטונג פֿון ליפֿלעטס, שאַפּבולעטינס, און אין אַלע אויסדרוקן פֿון דערציערישער מאַסן־אַרבעט. שטודיר־קלאַסן דאַרפֿן פּלאַנירט און אָרגאַניזירט ווערן, וואָס ברענגען צוזאַמען גרעסערע גרופּן, דורך די יוניטס, פֿראַקציעס, סעקציע־קאָמיטעס, מיטינגען אין די היימען אָדער מיטינג־לאָקאַלן. די פֿראַגע פֿון סיסטעמאַטישער דערציאונג־אַרבעט דאַרף אויפֿגעהויבן ווערן אין יעדער יוניאָן, און די פֿאָדערונג דאַרף געמאַכט ווערן, אַז דאָס זאָל ווערן אַ שטענדיקער טייל פֿונעם יוניאָן־לעבן. דאָס מוז אָרגאַניזירט ווערן אַלס אַ טייל פֿונעם יוניאָן־לעבן און פֿון דעם יוניאָן־אַפּאַראַט. דער סאַמע וויכטיקסטער געביט פֿאַר מאַסן־דערציאונג זיינען היינט־צו־טאָג די יוניאָנס פֿון דער סי. אַי. אָ. אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן, און ענלעכע קערפּערשאַפֿטן, מוז די איצטיקע פֿאַרנאַכלעסיקונג אין דער דערציערישער אַרבעט פֿון אַ העכערער קוואַליטעט בייגעקומען ווערן דורך שאַפֿן פֿאַר דעם אַ שטאַרקע פֿאָדערונג. די דאָזיקע מאָס־מיטלען וועלן לייגן די באַזע פֿאַר אויפֿהויבן דעם גאַנצן אידעאָלאָגישן פֿלאַך פֿון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן פֿון דער באַוועגונג, און פֿאַר אויפֿהויבן העכער די פּאַרטיי טרענירונג־שולן, אין דיסטריקט־ און נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, צו וועלכע די פּאַרטיי נעמט זיך איצט שענקען איר הויפּט־אויפֿמערקזאַמקייט.

אין אויסקלייבן סטודענטן פֿאַר די פֿול־צייטיקע טרענירונג שולן, זיינען אונזערע דיסטריקטן אָנגעגאַנגען ביז איצט אַפֿן פּרינציפּ פֿון אויסקלייבן „יענע, וועלכע מען קאָן אָפּשפּאָרן". אין דער צוקונפֿט מוז דער דאָזיקער געזעץ אָפּגעשאַפֿט ווערן. גראָד „יענע וועלכע קאָנען ניט אָפּגעשפּאָרט ווערן" וועלן מיר אויסקלייבן; ווייל מיר ווילן ניט קיינעם וועלכער קאָן אָפּגעשפּאָרט ווערן. דער צענטראַל־קאָמיטעט איז געווען צו שוואַך אין זיין קאַפּיטולירונג פֿאַר די „פּראַקטישע" חשבונות אין די דיסטריקטן וועגן דער פֿראַגע. אונזער לעצטע נאַציאָנאַלע

טרענירונג־שול, מיט איר 6־מאָנאַטלעכן קורס פאַר 60 מענטשן, האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין פון אַ גוואַלדיקן ווערט פאַר דער גאַנצער פּאַרטיי; אָבער זי וואָלט געווען נאָך פיל שטאַרקער, אויב די דיסטריקטן וואָלטן אויפגענומען דעם סטודענטן־אָפּקליב אַף אַן ערנסטערן אופן. די טרענירונג־שולן זיינען די „שווערע אינדוסטריע"־טייל פון אונזער דער־ציאונג־אַרבעט; זיי פּראָדוצירן די פּראָדוציר־מיטלען אַף דעם דאָזיקן געביט. איר ווייסט דאָך וואָס עס פּאַסירט אין דער אינדוסטריע, אויב אַלע מאַטעריאַלן ווערן אַריינגעוואָרפן צו פּראָדוצירן בלויז געברויך־סחורות. דאָס מיינט, אַז די פּראָ־דוקציע אַליין שטאַרבט אָפּ. די פאַרנאַכלעסיקונג פון אונזערע טרענירונג־שולן גיט אונז פּונקט די זעלבע רעזולטאַטן. מיר קאָנען בלויז אויסברייטערן אונזער מאַסן־אַרבעט און אויס־בעסערן איר קוואַליטעט דורך דער סאַמע ערנסטער אויפמערק־זאַמקייט אינעם אויסוואַל פון אונזער בעסטן מאַטעריאַל פאַר די טרענירונג־שולן. די דאָזיקע שולן זיינען ניט פאַר אָנ־פאַנגער; זיי זיינען פאַר די אָנפירנדיקע קאַדרען פון דער פּאַרטיי.

אין דער גאַנצער אַרבעט פון אויפבויען די פּאַרטיי דאַרף די קאָנצענטרירונג אַף די סאַמע וויכטיקסטע פּונקטן, די אַנט־שיידנדיקע פאַבריקן און אינדוסטריעס, באַנוצט ווערן צו פּראָדוצירן ביישפּילן, וואָס וועלן איינשטעלן דורך סאָציאַליס־טישע געוועטן דעם סטאַנדאַרד פאַר דער גאַנצער פּאַרטיי. מיר האָבן גוטע ביישפּילן און שלעכטע. מיר האָבן אזעלכע קאָנ־טראַסטן ווי פאָלגט: די אָטאָמאָביל־אינדוסטריע — דאָס וואָס עס האָט רעגולער פונקציאָנירט אַן אָטאָמאָביל־יוניט אין קליוולאַנד, אין משך פון סטרייק, האָט געבראַכט צו אַ פיר־פאַכן וואוקס און האָט פאַרשטאַרקט זיינע פאַרבינדונגען מיט די מאַסן; אין פלינט האָבן מיר געזען ווי דורך דער צייט פון סטרייק האָבן זיך אָפּגעשטעלט די יוניט־מיטינגען, און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די יוניטס זיינען ניט גע־

וואקסן און די פאַרבינדונגען מיט די מאַסן זיינען אָפּגע־שוואַכט געוואָרן. און דאָס איז ניט קוקנדיק אַף דער גוטער יוניאָן־אַרבעט. גוטע יוניאָן־אַרבעט וועט ניט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דער אַרבעט אין דעם פּאַרטיי־יוניט. מיר האָבן דעם זעלבן סאָרט קאָנטראַסטן אויך אין שטאָל; מיר האָבן זיי צווישן די דיסטריקטן און אין די דיסטריקטן גופא; ביי־שפּילן פון גוטער און שלעכטער אַרבעט. אין אונזער איצ־טיקער דיסקוסיע דאַרף זיך יעדער חבר געבן אַ פאָרשטעלונג וועגן גוטע און שלעכטע ביישפּילן אין די ראַמען פון זיין אייגענער דירעקטער דערפאַרונג, און מיט דעם באַרייכערן אונזער פאַרשטענדעניש וועגן די בעסטע מעטאָדן, וואָס דאַרפן דערמוטיקט ווערן און די שלעכטע וואָס דאַרפן באַקעמפּט ווערן.

די הויפּט אינדוסטריעלע צענטערס זיינען די ערשטע קאָנ־צענטריר־פּונקטן, מיט הויפּט־פאַבריקן וואָס ווערן אויסגע־קליבן פאַר ספּעציעלער אויפמערקזאַמקייט. פון דער דאָזיקער באַזע מוזן מיר איצט אויפנעמען אַלץ מער און מער סיסטע־מאַטיש די פראַגע פון אויסברייטערן אונזער אָרגאַניזאַציע אין יעדער קליינער אינדוסטריעלער שטאָט און שטעטל, הונ־דערטער פון זיי, וועלכע האָבן אַפילו נאָך ניט קיין איינציקן פּאַרטיי־יוניט. מיר מוזן אַנטדעקן דעם אינדוסטריעלן הינטער־לאַנד פון אַמעריקע, וואָס איז דורך אונז לאַנג פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן, און וועלכע די סי. אַי. אָ. עפנט אויף מיט אַזאַ דראַמאַטישן שוואונג און ברענגט אַריין דעם אָטעם פון דעמאָ־קראַטיע אין דער פאַרשטיקטער אַטמאָספערע פון די קאָמ־פּאַני־שטעטלעך, וואו אונזערע יוניטס האָבן פריער ניט גע־קאָנט לעבן.

אונזער פּאַרטיי מוז זיין מער וואַכזאַם אין אויפנעמען יעדע נייע אישו, וואָס רעגט אָן די מאַסן. אין הונדערטער שטעט קומט פאָר אין דעם איצטיקן מאָמענט אַ שנעלער אויפשטייג אין דעם לעבנס־קאָסט און אין רענט. מיר דאַרפן

זיין די, וואָס דאַרפֿן אָרגאַניזירן דעם קאַמף קעגן די הויכע לעבנס־מיטל און רענט, דערפֿאַר ווייל דאָס זיינען ערנסטע אישום פֿאַר מיליאָנען מענטשן. מיר טאָרן ניט דערלויבן, אַז קאָמוניסטן זאָלן זיך באַטראַכטן אַז זיי שטייען העכער ווי די דאָזיקע אישום.

אונזער צוגאַנג צו ספּעציעלע שיכטן און גרופּן

יאָרן־לאַנג האָט מען גערעדט וועגן דער נויטיקייט פֿון אַ ספּעציעלן צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פֿון פֿאַרשיידענע שיכטן און גרופּן פֿון דער באַפֿעלקערונג, אויב מיר ווילן צווישן זיי אויפֿבויען אונזער פּאַרטיי. אַן איינפֿאָרמיקע, שאַבלאָנע פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע וועט קיינמאָל ניט טרעפֿן דעם ציל בנוגע דער גרעסטער צאָל מענטשן, דערפֿאַר ווייל די מאַיאָריטעט באַשטייט פֿון ספּעציעלע גרופּן. די אַלגעמיינע פּראָגראַם מוז פֿאַרבונדן ווערן מיט באַזונדערע פּראָבלעמען און באַזונדערע גרופּן. אָבער אין דער פּראַקטיק פֿאַרנאַכלעסיקן מיר דאָס אַף אַן ערנסטן אופֿן, אַפֿילו אין די ברייטסטע און סאַמע באַשיינפּערלעכסטע פֿאַלן, וואו עס פֿאָדערט זיך.

עס קאָן, למשל, ניט געלייקנט ווערן, אַז די פֿרויען זיינען אַ גאַנץ וויכטיקער טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג; אַנדערע זאָגן, אַז זיי זיינען אַן אַבסאָלוטע מאַיאָריטעט. זיי האָבן ספּעציעלע פּראָבלעמען! אָבער ווי אָפֿט מאַכן מיר די דאָזיקע ספּעציעלע פּראָבלעמען פֿאַרן צענטער פֿון אַפּעלירן צו די ברייטע מאַסן; פֿון פּאָליטישע פֿאָדערונגען און אָרגאַניזירטע אַקציעס? מיר ווענדן אָן אונזער גאַנצע פּאָליטישע אַרבעט צו דעם מענלעכן, דערוואַקסענעם און ווייסן טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג, און בלויז ווען־עס־איז מאַכן מיר, אגב, אַן עקסקורסיע צו די דאָזיקע ספּעציעלע גרופּן. אין זייער ווייניק פֿאַלן נעמען מיר ערנסט אויף דעם דאָזיקן ספּעציעלן צוגאַנג.

אין צופֿיל פֿאַלן געפֿינען מיר אַפֿילו ווי די פּראָגרעסיווע

יוניאָן־פירער שטעלן זיך קעגן אָרגאַניזירן פּרויען־„אָקזילע־ריס" און מיר געפינען אין אונזער פּאַרטיי צו־אָפּט די שטע־לונג פון „אָפּלייגן די דאָזיקע פראַגע אויף אַ גינסטיקערן מאָ־מענט", אַ מאָמענט, וואָס קומט קיינמאָל ניט.

וויפיל אויפמערקזאַמקייט גיבן מיר אויף די הויז־פרויען ? פאַרוואָס רעקרוטירן מיר אַזוי ווייניק פרויען? פאַרוואָס זיינען נאָך אַלץ פאַראַן ווייניקער פרויען אין אונזערע פירנדיקע קאָמיטעס ? די דאָזיקע פראַגן וואַרטן אויף אייער ענטפער, חברים, אין באַצוג צו אייער דיסטריקט. איך רעכן, אַז אַלע ענטפערס וועלן קאָנען רעדוצירט ווערן צו איין וואָרט — פאַרנאַכלעסיקונג. לאָמיר פאַרווירקלעכן לענינ'ס לאָזונג, אַז „יעדע הויז־פרוי מוז נעמען אַן אַקטיוון טייל אין פּאָליטישער אַרבעט."

צווישן די יונגע מענטשן איז ניטאָ די פראָבלעם פון פאַר־נאַכלעסיקונג און סטאַגנאַציע פון אַרבעט. אַ גוואַלדיקע יוגנט־באַוועגונג פאַרפלייצט אַמעריקע. אונזערע יונגע קאָמו־ניסטן געפינען זיך אין אירע סאַמע האַרץ און טוען נאָבעלע, ווירקזאַמע אַרבעט. איך דאַרף דאָ היינט ניט געבן אונזער יוגנט קיין שום ספּעציעלע עצה: זיי געפינען זיך שוין אויף דעם ברייטן וועג צו מאַסן־אַרבעט. אָבער איך וויל יאָ ראַטן אונזער פּאַרטיי, אַז זי זאָל זיך לערנען פון דער יוגנט, אין דער זעלבער צייט העלפן דערציען די יוגנט; געבן די יוגנט קאָנקרעטערע הילף, איינשטעלן ענגערע פאַרבינדונגען צווישן דער יוגנט און דער פּאַרטיי. אין הונדערטער שטעט, וואו עס זיינען שוין דאָ פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, איז נאָך אַלץ ניטאָ קיין איינציקער „יאַנג קאָמיוניסט ליג" יוניט.

דאָרט וואו די „יאַנג קאָמיוניסט ליג" פעלט, דאָרט פעלט אויך די יוגנט־באַוועגונג, אָדער זי פאַלט אַריין אין די הענט פון אַ צווייפלהאַפטער פירערשאַפט. די יוגנט איז אונזער גרעסטער רעזערוו. מער אויפמערקזאַמקייט צו דער יוגנט!

די נעקסטע גרעסערע ספּעציעלע גרופּע, וואָס פאָדערט אַ

ספעציעלן צוגאנג, איז די נעגערשע באפעלקערונג. מיר האָבן פיל וויכטיקע דערגרייכונגען אין אונזער ארבעט צווישן זיי. דער איינציקער פאקט, וואָס אנדזשעלאָ הערנדאָן איז מיט אונז אין דעם זאל, ווערט אָנערקענט פון דער גאַנצער נעגער־שער באפעלקערונג; דער פאקט, אז די סקאָטסבאָראָ באָים קעמפן נאָך אלץ פאר פרייהייט אָנשטאָט צו זיין שוין בלויז א זכר און א טראדיציע, ווי סאַקאָ און וואַנזעטי, איז א טייל־ווייזער זיג; אז די סי. אי אָ. העלפט דעם נאַציאָנאַלן נעגער־קאָנגרעס צו זאמלען נעגער־פארטרעטער פון אלע לעבנס־שטאנדן און אריינברענגען זייערע ארבעטער אין די יוניאָנס — די דאָזיקע אלע זאכן ווייזן דעם פאָראויסמארש פון די נעגער אין דער ריכטונג פון גלייכהייט, א פאָראויסמארש וואָס דרינגט דורך און באריךט דעם פאָליטישן לעבן פון אונזער לאנד.

אָבער יעדער איינער ווייס, אז די קאָמוניסטישע פארטיי איז געווען די, וועלכע האָט אָנגעהויבן די דאָזיקע אויפלעבונג פון דער נעגערשער באפעלקערונג. איינע פון די פראָבלעמען, וואָס יעדער דיסטריקט מוז אויפנעמען אויף אן ערנסטן אופן, איז די פראגע — פארוואָס די ארבעט צווישן די נעגער איז אזוי אָפגעשטאנען, ווי אויך די קאַמפן פאר גלייכהייט און בירגער־רעכט; און דער שליסל צו דעם איז צו דערגרייכן די נעגער־פרויען. א בולט'ער אויסנאַם איז דער פאקט, וואָס מיר קאָנען דאָ רעדן וועגן א נעגער־פרוי, וואָס איז שוין צען יאָר א מיטגליד אין אונזער פארטיי און איז אויך א מיטגליד פון צענטראל־קאָמיטעט, חבר'טע מאָוד ווייט. מיר זיינען זייער גליקלעך צו פארצייכענען חבר'טע ווייט'ס צען יאָר אין דער פארטיי, אָבער לאָמיר דאָ באשליסן, אז מיר וועלן איר מער ניט דערלויבן צו בלייבן אן אויסנאַם, צוגלייך מיט באָניטאַ וויליאמס, העלען האָלמאַן, לואיז טאמפּסאָן, און נאָך א פאָר טוץ אנדערע אקטיווע פרויען חבר'טעס. מיר וועלן אריינ־ברענגען הונדערטער טויזנטער נעגער־פרויען אין אונזערע

רייען. מיר וועלן זיי העלפן מאכן אונזער פּאַרטיי פאַר זייער שטענדיקער פּאָליטישער היים. ווי איין נעגער־חבר האָט זיך אויסגעדריקט אַף אַ מיטינג — „אויב איר וועט אַריינגעמען די נעגער־פרויען אין דער פּאַרטיי, וועלן שוין די מענער אויך אַריינקומען אין דער פּאַרטיי." איך האָב לעצטנס געלייענט איניקע אויסגעצייכנטע פאָרשלאָגן וועגן דעם ווי אַזוי צו בויען די באַוועגונג פון די נעגער אינעם געגנט, פון אַ גרופּע דעטראָיטער נעגער־חברים. מיר מוזן לערנען ווי אַזוי צו־צוהערן זיך זייער אויפמערקזאַם צו אַזעלכע שטימען וועגן אישום און וועגן מעטאָדן און פאָרמען פון אַרבעט.

מיר קאָנען אויך ניט דערלאָזן, אַז די פאַרמער זאָלן נאָך אַלץ פאַרגעסן ווערן אין אונזער פּאַרטיי. אין יעדן שטאַט איז דאָ אַ גרויסע אַגראַרע באַפעלקערונג. מיר מוזן פאַראַנקערן אונזער פּאַרטיי צווישן זיי. איך לאָז אַלע דעטאַלע פּראָבלעמען פון פאַרם־פּאָליסי צו דער אַגראַר־קאָמיסיע; אָבער מען וועט דאַרפן דאָרטן פאָדערן מער אויפמערקזאַמקייט צו די פאַרם־אָרגאַניזאַציעס פון יעדן דיסטריקט און צו דער רעקרוטיר־אַרבעט צווישן די פאַרמער.

ענדלעך, האָבן מיר נאָך פיל גרופּן פון אימיגראַנטישע נאַציאָנאַליטעטן אין די געמיינדעס — דאָס וואָס מיר זיינען געוואוינט צו רופן אונזער שפּראַך־אַרבעט, אונטערשטרייכנ־דיק מיט דעם בלויז איין זייט פון אַ קאָמפּליצירטער פּראָבלעם. אונזער פּרעסע און מאָביליזיר־אַרבעט צווישן די דאָזיקע אימי־גראַנטישע געמיינדעס געפינט זיך אין אַ שטילשטאַנד. דאָס ניט אַ גרונד פאַר פאַלשע טעאָריעס וועגן דעם, אַז עס שטאַרבן אויס די געמיינדעס צוליב דעם, וואָס עס קומט מער ניט קיין נייע אימיגראַציע און צוליב דעם וואָס די צווייטע און דריטע דורות אַמעריקאַניזירן זיך. אָבער מיר געפינען, אַז די אַמערי־קאַניזירונג פאַרניכטעט ניט די דאָזיקע געמיינדעס. דער צוויי־טער דור פון די איטאַליענער־אַמעריקאַנער, למשל, זיינען פּונקט אַזוי שטאָלץ מיט דעם ערשטן טייל פון זייער בינט־

שטריכל נאָמען ווי מיטן צווייטן. אַ שאַרף ליכט ווערט אָנ־
געשטעלט אַף דער פֿראַגע ווען די נאַציאָנאַליסטישע און
פֿאַשיסטישע פּראָפּאַגאַנדע פֿון זייערע היים־לענדער כאַפּט אָן
דעם צווייטן דור טיפֿער ווי די אָריגינעלע אימיגראַנטן ; עס
איז אויך ניט גענוג צו זאָגן, אַז מיר מוזן זיי פֿאַראינטערע־
סירן אינעם אַמעריקאַנער קלאַסנקאַמף. דאָס איז נויטיק,
אָבער ס'איז ניט גענוג און ענטפֿערט ניט אַף דער פֿראַגע
ווי אַזוי מען זאָל זיי פֿאַראינטערעסירן אין דעם אַמעריקאַנער
קלאַסנקאַמף. כדי צו טאָן עס ווי עס געהערט צו זיין, איז
נויטיק דורכצושמעטערן די סעקטאַנטישע איזאָלירונג פֿון אונ־
זערע נאַציאָנאַלע ביוראָס און אונזער נאַציאָנאַלע פּרעסע ;
אַריינצוּוואַרפֿן זיי אינעם צענטער פֿון דעם געמיינדע־לעבן ;
אויסצונוצן זייערע נאַציאָנאַלע טראַדיציעס, אישוס, און באַ־
זונדערקייטן ; צו אַפּעלירן צו זייער נאַציאָנאַלן שטאָלץ און
קולטור, צו געפֿינען אַף אַזאַ אופֿן דעם וועג צו אַמעריקאַני־
זירונג — אַמעריקאַניזירונג ווי מיר פֿאַרשטייען דעם וואָרט ;
און, ספּעציעל, אויסצונוצן די לעקציעס וועגן דעם אויפֿבלי
פֿון די נאַציאָנאַליטעטן אונטערן סאָציאַליזם אינעם סאָוועטן־
פֿאַרבאַנד. מיר מוזן האָבן אַן אַנטשיידנדיקע ענדערונג און
קער צו די מאַסן אין דעם דאָזיקן געביט. מיר מוזן אויפֿפֿרישן
די פֿירערשאַפֿט פֿון דער דאָזיקער אַרבעט דורך אַ גרינטלעכן
אומקער צו דעם וואַל־פּרינציפּ אין איר אויסקלייב, און מאַכן
די פֿירערשאַפֿט דירעקט פֿאַראַנטוואָרטלעך צו די מאַסן. אונ־
זער ספּעציעלע קאָמיטע וועגן דער פֿראַגע אַף דעם איצטיקן
פּלענום וועט אונז מוזן געבן מאַטעריאַל פֿאַר אָנפֿירן אַ ווייט־
גרייכנדיקע ענדערונג, דעם אָנהויב פֿון אַ פֿאָראויסמאַרש
צווישן דער אימיגראַנטישער נאַציאָנאַלער געמיינדע, ספּעציעל
צווישן די גרעסטע און סאַמע וויכטיקסטע, די איטאַליענער,
דייטשן, אידן, פּאָליאַקן און איירישע.

די לעגאַליטעט פֿון אונזער פּאַרטיי איז איצט עטאַבלירט
איבערן לאַנד ווי נאָך קיינמאָל ניט פֿריער. דאָס האָט מען מיר,

למשל, אילוסטרירט אַף אַן אינטערעסאַנטן אופן ניט לאַנג צוריק, ווען איך האָב גערעדט אַף אַ מיטינג אין איינעם פון די עפּנטלעכע זאַלן אין האַרוואַרד אוניווערזיטעט, וואו אַ פּראָמינענטער מיטגליד פון אַ פאַקולטעט איז געווען דער פאָרזיצער, אַ מענטש אָן שום פאַרדאַכט אין קאָמוניסטישע סימפּאַטיעס, אָבער מיט ליבעראַל־דעמאָקראַטישע איבערצייגונגען. דער דאָזיקער פאָרזיצער האָט געעפנט דעם מיטינג דורך איבערגעבן אַ ריי פון די סאַמע בכבוד׳יקסטע פּרעצעדענטן, וואָס איז דערגאַנגען ביז אַנטשיידונגען פון סופרים קאָורט, צו עטאַבלירן אויסער וועלכער עס איז פראַגע, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אַ לעגאַל־אָנערקענטע פּאַרטיי, וועמעס פולע רעכט געהערט צו ווערן און וועמעס אָנשויאונגען דאַרפן באַטראַכט ווערן לויט זייער ווערט, איז אַ נויטיקער טייל פון דער דעמאָקראַטישער טראַדיציע אין אַמעריקע. ווען מיר זיינען שוין לעגאַליזירט באַ דעם סופרים קאָורט און באַ דעם האַרוואַרד־אוניווערזיטעט, דאַרף עס שוין געוויס ניט זיין קיין שווערע אויפגאַבע אָפּצואווישן אַלע רעשטלעך פון אַן אומלעגאַלן סטאַטוס פון אונזער פּאַרטיי אין די רייען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אָפּצושאַפן דעם געדאַנק, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז עפּעס אַזוינס וואָס מוז פאַררוקט ווערן אין הינטערגרונט, ווי עפּעס וואָס פאַראורזאַכט אַ ביסל פאַרלעגנהייט פאַר די בעסטע מענטשן ; אַז איר קאָאָפּעראַציע, כאָטש זי איז ווערטפול, זאָל געהאַלטן ווערן אין הינטערגרונט. מיר מוזן זיין באַשיידן, מיר דאַרפן ניט פּרואוון רוקן אונזערע נעזער אין יעדער עפּנטלעכער פאָטאָגראַפיע, מיר מוזן ניט אַרויסשטעלן קיין אומפאַרדינטע פאָדערונגען פאַר זיך אַליין — אָבער, אין דער זעלבער צייט ווייסן מיר, און מיר לאָזן דער וועלט וויסן, אַז די קאָמוניסטן זיינען ניט קיין אָרעמע קרובים, וועלכע קומען אַריין אין דער דעמאָקראַטישער הויז בלויז דורך דער הינטער־טיר. מיר ווילן האָבן די צווישנבאַציאונגען פון גליכע צווישן גליכע, געאורטיילט

צו ווערן לויט אונזערע מעלות און חסרונות די זעלבע זאַך ווי יעדער אַנדערער; און פאַר דער צווישנבאַציאונג וועלן מיר אַרבעטן און קעמפן. דאָס איז אַ גרונטשטיין אין דעם אויפבוי פון דעם פאָלקס־פראָנט, און אין דעם בוי פון אונזער אייגענער פּאַרטיי.

לאָמיר אויסברייטערן די צירקולאַציע פון אונזער פּרעסע

ווען דער צירקולאַציע פון דעם „דעילי וואָרקער" און „סאָנדעי וואָרקער". מיר באַקומען אַ געוויסע מאָס אויס־געצייכנטע דערפאַרונג, וואָס ווייזט אונז אין דער זעלבער צייט, וואו מיר דאַרפן אָפּן ווירקזאַמסטן אופן אַרויסברענגען די ראָלע פון דער פּאַרטיי. אין די שטאָל־געגנטן זעען מיר באַדייטנדיקע פּאַרגרעסערונגען אין דער צירקולאַציע; בולט'ע ביישפּילן זעען מיר אין שיקאַגאָ, וואָס, אין דער זעלבער צייט וואָס זי גיט אַרויס טעגלעך אַ שיקאַגאָ־ביילאַגע פון איין זייט, אין 20 טויזנט עקזעמפּלאַרן, האָט אַ סך געהאָלפן צו סאָלידיפיצירן דעם סטרייק, און גלייכצייטיק לייגן אַ סאָלידן באַזיס פאַר דעם אויפבוי פון אונזער פּאַרטיי. אין די שטאָט־וואַלן פון מינעאַפּאָליס איז די ספּעציעלע אויסגאַבע פונעם „סאָנדעי וואָרקער" אין 50 טויזנט עקזעמפּלאַרן געווען אַ מוסטער פון ריכטיקער פּאַראייניקטער פראָנט אַרבעט פאַר־בונדן מיט פּאַרטיי־אויפבוי.

איך בין ניט געווען אומשטאַנד צו געפינען אַן איינציקן פאַל, וואו אַן ערנסטער פאַרזוך אויסצוברייטערן די צירקו־לאַציע פון אונזער ציטונג זאָל ניט האָבן געבראַכט קיין וויכטיקע רעזולטאַטן. אויב עס איז נאָך ניטאָ קיין אַלגע־מיינער און אַנטשיידנדיקער פּראָגרעס אין דעם זינען, איז עס בלויז דערפאַר, ווייל עס איז נאָך ניט געמאַכט געוואָרן קיין אַלגעמיינער אָנשטרענג, וואָס זאָל פאַרוויקלען די גאַנצע פּאַרטיי. מיר פּראָדוצירן היינט־צו־טאָג אַ ציטונג, וואָס ווערט

געריכט אַלס אַ צייטונג פון דעם פּרעזידענט פון דער „ניוס־פּייפּער גילד". וועט נאָך אימיצער אַליין קאָנען יוצא זיין מיט אַ דערקלערונג פאַר אונזער נאָך אַליין קליינער צירקולאַציע, וואָס די צייטונג איז עדיטאָריעל ניט גוט גענוג? ס'איז אומ־מעגלעך, חברים. מיר קאָנען נאָך אַליין פאַרבעסערן דעם אינ־האַלט פון דער צייטונג; אָבער זי איז שוין איינע פון די סאַמע נויטיקסטע צייטונגען אין אַמעריקע פאַר אַלע מענטשן, וועלכע ווילן זיין גוט אינפאָרמירט. די צייט איז געקומען, ווען מיר מוזן צוגרייטן אַ ראַדיקאַלן מיטל בייצוקומען די שוועריקייטן פון דיסטאַנץ, וואָס שטערט די צירקולאַציע פונעם „דעילי וואָרקער" אין דער מיטל־וועסט און אין די געגנטן פון פּאַסיפיק. אונזער היינטיקער פּלענום דאַרף באַטראַכטן און אַרויסטראָגן זיין אורטייל וועגן אַ פּראָיעקט צו עטאַבלירן פאַר דעם סוף פון דעם יאָר אַ צווייטן „דעילי וואָרקער" אין שיקאַגאָ און אַ דריטן ווידער אין סאַן־פראַנציסקאָ. מיר זיינען גרייט אַריינצוגיין אין דעם דאָזיקן פּראָיעקט אויף אַ געשעפט־לעכן אופן. מיר ווייסן, אַז אַלע פאַרבאַדינגונגען פאַרן דער־פאָלג פון אונזער צייטונג ליגן נאָענט צו אונזער האַנט. חבר דימיטראָוו האָט געזאָגט:

„ריכטיק צו קאָמבינירן די ווירקונגען פון דער טאַקטיק פונעם פאָלקס־פראָנט מיט דער פּראָפּאַגאַנדע פון מאַרק־סיזם, מיט אויפהויבן דעם טעאָרעטישן פלאַך פון די קאַדרען אין דער באַוועגונג פון דעם ארבעטער־קלאַס, מיט דער באַהערשונג פון די גרויסע לערעס פון מאַרקס, ענגעלס, לענין און סטאַלין אַלס אַ פירער צו אַקציע — די אַלע זאַכן מוזן מיר אַליין לערנען און לערנען אונזערע קאַדרען און די מאַסן טאָג־איין טאָג־אויס. מיר טאָרן ניט דערלויבן אַזאַ סיטואַציע, וואו „מען זעט ניט דעם וואַלד צוליב די ביימער". מיר טאָרן ניט דערלויבן, אַז די פּראַקטיק זאָל אָפּגעריסן ווערן פון דער טעאָריע, אַז עס זאָל זיך אַנט־וויקלען אַן אָפּגרונט צווישן דער דערפילונג פון די דרינגענ־

דיקע אויפגאַבן פון דעם היינט און די ווייטערדיקע פּער־ספּעקטיוון און צילן פון דעם אַרבעטער־קלאַסנקאַמף."

אויפבויען די פּאַרטיי און אויסברייטערן די צירקולאַציע פון אונזער טעגלעכער פּרעסע איז ניט קיין אויפגאַבע פון אַ קאַמפּאַניע פאַר עטלעכע וואָכן; דאָס איז די שטענדיקע אויפגאַבע, וואָס דרינגט דורך יעדן פּונקט פון פּאַרטיי־לעבן און אַרבעט, פון וועלכן דער פירנדיקער ציל איז אויפצובויען אַ שטאַרקע, פייאיקע מאַסן קאָמוניסטישע פּאַרטיי, וואָס איז פייאיק צו באַגעגענען און לייזן די פּראָבלעמען און אויפגאַבן פון אַ גרויסן אַרבעטער־קלאַס פון 40 מיליאָן, אין דעם סאַמע מעכטיקסטן קאַפּיטאַליסטישן לאַנד, אַן אַרבעטער־קלאַס, וואָס ירשנ'ט אַ לאַנגע רעוואָלוציאָנערע טראַדיציע און וועלכער טרעט אַריין היינט־צו־טאָג אין דעם פּעריאָד פון געשיכטע, מיט גרעסערע רעוואָלוציאָנערע אויפברויזן, ווי מיר האָבן עס ווען עס איז פריער געהערט. אָט די דאָזיקע באַוואוסט־זיניקייט פון אונזערע אויפגאַבן מוז אונזער איצטיקער פּלענום ברענגען צו דער גאַנצער פּאַרטיי, מיט דעם פולן באַגריף, אַז דורך אונזערע ריכטיקע פּאָליסים, וואָס באַגעגענען די באַדינגונגען פונעם היינט, מוזן מיר אויפבויען די פּאַרטיי וואָס וועט זיין פייאיק דורכצופירן די פיל גרעסערע אויפגאַבע פון מאָרגן.